A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

2 סענט

2 סענט

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY

CIRCULATED
ALL OVER
CANADA
AND ABROAD

THE HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

CANADA

א נאציאנאל־אידי־
שע צייטונג וואס
אידישע און אלגעמיי־
נע ענינים בכלל
און פאר אלוועלט־
ליכע ענינים „כלל,
און וועלכע איז אנ־
ערקענט איבעראל
אלס אזעלכע. —

VOLUME IV. No. 11735 Toronto Thursday March 8 1917 פורים, תרע"ז. דאנערשטאג דער 8טער מערץ, 1917 PRICE: TWO CENTS

# ענגלישע קאוואלעריע 28 מייל פון באגדאד

## באארד אף קאנטראל נעהמט אן וויכטיגע בעשליסע

שטאדט זאל פלאנצען קארטאפעל אין פארקס. הייסט גוט די שכירות העכערונג.

ביי דער נעכטיגער זיצונג פון דער באארד אף קאנטראל האט דער פארק קאמישאנער בעריכטעט דאס ער האט קאנפערירט מיט דער „יארד גארדנינג קאמיטע" דאס הייסט די קאמיטע וועלכע דארף זעהען צו בעאיינפלוסען א יעדען איינוואוינער פון טאראנטא, וועלכער האט א יארד ביי זיין הויז, צו איינצופלאנצען דארט געוויסע עסענווארג מאטעריאלען, און זיי האבען אויסגעארבייט אלע נויטיגע פונקטען, וועלכע זענען אין אלגעמיין געווען נויטיג.

די פונקטען זענען פאלגענדע:

אין טעכניקאל סקוהל זאלען געהאלטען ווערען קלאסען וואו מען זאל לערנען די איינוואוינער ווי אזוי צו פלאנצען גרינצייג.

די באארד אף עדיוקיישאן זאל אנפיהרען קלאסען, דער אינזעקטען פעסט.

די אנטעריא רעגירונג זאל פארטיילען ליטעראטור וועגען דעם ענין.

קאמישאנער טשעמבערס האט רעפארטעט, דאס עס וואלט ניט געווען ראטהזאם צו געבען זריעה אויף.

ער האט אויך בעריכטעט דאס אויב עס וועלען זיך געפינען אזעלכע מענשען, וואס וועלען זיין צופריעדען צו בעארבייטען ליידיגע לאטס איז געמאכט געווארען אראנזשמענטס מיט קאמפאניעס, וועלכע האבען ליידיגע לאטס און מען וועט בלויז דארפען איינצאהלען $1.00 פאר'ן אקערען און בעמיסטיגען דאס לאנד, און דערפאר וועט מען שוין אויך קריגען די זריעה.

דער אגריקולטור דעפארטמענט וועט מאכען איינציגע מאדעל גארטענס צו ווייזען אלעמען ווי אזוי איז'ן בעסטען אופן צו פלאנצען די עסענווארג.

דער קאמישיאנער האט אויך פארגעשלאגען אז די שטאדט זאל פערפלאנצען 50 אקער לאנד מיט קארטאפעל אין דאס צו פארטיילען קומענדען ווינטער צווישען ארימע פאמיליעס. ער בעהויפטעט אז מען קען ארויסנעהמען פון דעם 6000 בושעל מיט פאטייטעס.

ביי דעם זעלבען מיטינג איז אויך פארגעבראכט געווארען דער רעפארט וועגען העכערען די שכירות פון די שטאדטישע אנגעשטעלטע.

אלע קאנטראלערס האבען געגעבען צום גונסטען דער רעקאמענדאציע, און קיין איינציגער איז ניט געווען געגען. אבער דער רעפארט איז אבגעלייגט געווארען ביז די באארד אף עסטיימטס וועט ארויסברענגען איהר רעפארט.

מעיאר טשורטש האט ערקלעהרט, דאס דערווייל קען מען נאך גאר ניט פעעפענטליכען וועגען די פערהאנדלונגען, אויב די אלע רעקאמענדאציעס זאלען אנגענומען ווערען, דאן וועט די שטאדט דארפען פערגרעסערען איהר בודזשעט אויף $400.000 היינטיגעס יאהר.

## פארוואס פרויען זאלען זיין בארעכטיגט צו זיין קאנדידאטען פאר דער לעדזשיסלייטשור

נעכטען דאס צווייטע מאהל לעזען דעם ביל.

נעכטען נאכמיטאג האט מר. נ. וו. ראועל דער פיהרער פון דער אפאזיציע אין דער אנטעריא לעדזשיסלייטשור פארגעשלאגען אז זיין ביל וועגען געבען דאס רעכט צו פרויען צו לויפען פאר עמטער אין דער לעדזשיסלייטשור זאל פארגעבראכט ווערען צום צווייטען „ריידינג". די פארבערייטונגען פאר דיעזער געלעגענהייט זענען געמאכט געווארען זעהר פאראדנע. עס זענען איינגעלאדען געווארען פיעלע פרויען געסט צו דיעזער געלעגענהייט. עס איז אויך אנאנסירט געווארען אז מר. ראועל'ס רעדע, צו פערטהיידיגען זיין ביל וועט זיין זעהר א לאנגע, און ער וועט הויפטזעכליך רעדען וועגען דעם פארוואס דאס געזעץ זאל אנגענומען ווערען.

בשעת מיר געהען צום פרעס איז נאך זיין רעדע ניט פערעפענטליכט געווארען, און מיר וועלען ערשט איבערגעבען זיין רעדע מארגען.

עס זענען אויך פערהאנדעלט געווארען פערשיעדענע אנדערע בילס ביי די נעכטיגע זיצונגען.

## גרויסער פייער אין האמבער

350 שיפלאך פערברענט. 45 טויזענד דאלאר שאדען.

נעכטען ארום צוויי א זייגער פארטאג האט אויסגעבראכען א גרויסער פייער אין דעם שיפען־הויז פון ט. נ. דעווינ'ס ביים האמבער ריווער, וועלכער האט פאראורזאכט א שאדען ארום 45 טויזענד דאלאר. עס זענען פערברענט געווארען 150 קאנוס, 100 לאדקעס, און נאך ארום הונדערט אנדערע פערשיעדענע שיפלאך.

דאס פייער האט פאלשטענדיג חרוב געמאכט די דעווינ'ס געביידע. דאס פייער איז געווען אזא מורא'דיגע' די פלאמען האבען דערגרייכט זעהר ווייט און האבען אזש דערגרייכט צו א דערבייאיגער געביידע אויף א שיפען הויז, וועלכעס האט בעלאנגט צו ארד בראדערס און האט דארט אויך פערברענט ארום 50 שיפלאך.

דער שאדען האט אנגעטראפען ארום $9000.

די אלע שיפלאך האבען בעלאנגט צו איינצעלנע איינוואוינער פון טאראנטא, וועלכע האבען זיי דארט געהאלטען אין סטארעדזש איבער'ן ווינטער. די פייערלייטע איז געלונגען אבצוראטעווען עטליכע גאזאלין שיפלאך, וועלכע זענען ווערטה געווען ארום $3000.

די אורזאכען פונ'ם פייער זענען אמת'ע מיסטעריעזע. קיינער קען ניט מיט זיכערהייט בעהויפטען פון וואנעט דאס פייער האט זיך געקאנט אנפאנגען. איין טהעאריע איז אז דאס פייער האט זיך גענומען פון דעם בעקאנטען „ספאנטאנישען קאמבאסטירען", דאס הייסט א פייער וועלכעס פאנגט זיך אן אהן בעשטימטע אורזאכען, און אנאנדער סברא איז דאס די געגענד איז איצט דארט שטארק פערפליוצט מיט מייז וועלכע האלטען זיך אויף אין יענער געביידע און די מייז האבען הפנים פון ערגעץ פארטראגען שוועבעלאך און אזוי איז דער פייער ארויסגעקומען.

## גרויסער ענגלישער זיעג אין מעסאפאטאמיען, צייט די ענגלענדער האבען פארנומען קוט־על־אמארא האבען זיי שוין אוואנסירט 80 מייל, מאסען אמוניציע און פראוויאנט פארנומען, טערקען דאבען אויך א נידערלאגע אין עגיפטען — רוסישער געפאנצערטער קרייצער באשעדיגט

## פרעזידענט ווילסאן האט געבראכען די מאנרא דאקטרין

לאנדאן, מערץ 7.

דער ענגלישער זיעג אין מעסאפאטאמיען פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאג די ענגלענדער אוואנסירען אלץ ווייטער און געפינען זיך ניט מעהר ווי עטליכע און צוואנציג מייל פון באגדאד.

דער היינטיגער אפיציעלער בעריכט וועלכער איז דא פערעפענטליכט געווארען וועגען דעם מעסאפאטאמיען פראנט מעלדעט אז ענגלישע קאוואלעריע געפינט זיך שוין אויף א פונקט 28 מייל פון באגדאד. די ענגלישע סאלדאטען זענען דארטען געווען נאך מאנטאג.

די טערקען ציהען זיך שנעל צוריק פון אלע זייערע פאזיציעס אין לאזען איבער מאסען פראוויאנט און אמוניציאן הינטער זיך, וועלכע זיי קענען ניט פערנעהמען אין זייער שנעלען צוריקטריט.

צייט די ענגלענדער האבען פערנומען קוט־על־אמארא צוריק פון די טערקען האבען זיי שוין אוואנסירט פון דארטען 80 מייל און געפינען זיך שוין ניט ווייט פון באגדאד. זיי געפינען זיך יעצט אויפ'ן זעלבען פלאץ אויף וועלכען זיי זענען אין 1915 געשלאגען געווארען פון די טערקען און זיי זענען דעריבער יעצט גאנץ פארזיכטיג.

### טערקען כאפען אויך א מפלה אין עגיפטען.

אן אנדער בעריכט וועלכער איז דא פערעפענטליכט געווארען מעלדעט אויך, אז די טערקען האבען געהאט א גרויסע מפלה אין עגיפטען אינ'ם געגענד פון שייק נוראן, דאס איז ארום 400 מייל פון קאירא. זיי זענען געצוואונגען געווען צו פארלאזען דארטען זייערע שטארקסטע פאזיציעס.

### רוסישער קרייצער בעשעדיגט

בערלין, מערץ 7.

די דייטשע אפיציעלע פרעס ביורא האט היינט פערעפענטליכט א בעריכט וועלכען זי האט ערהאלטען פון סטאקהאלם אז דער רוסישער געפאנצערטער קרייצער „רוריק" פון 15.000 טאן האט זיך אנגעשטויסען אין א מינע אין דער פינלענדער בוכטע און איז שטארק בעשעדיגט געווארען.

„רוריק" איז אין א שטארק בעשעדיגטען צושטאנד אבגעפיהרט געווארען אין קראנשטאדט.

דער קרייצער איז געבויט געווארען אין יאהר 1906, זי איז געווען 529 פוס לאנג און האט אויף זיך געהאט א מאנשאפט פון 900 מאטראזען.

### 26 שיפען געזונקען לעצטע וואך

לאנדאן, מערץ 7.

עס איז דא היינט אפיציעל אנאנסירט געווארען פון דער אדמיראליטעט אז פאר דער לעצטער וואך זענען 26 שיפען געזונקען געווארען פון סובמארינס אדער מינען.

אין דער זעלבער צייט זענען 2582 שיפען אנגעקומען אין ענגלישע האפענס און 2.477 זענען אבגעפאהרען.

פון היינט און ווייטער וועט די ענגלישע אדמיראליטעט בעריכטען וועגען די געזונקענע שיפען בלויז איין מאל אין וואך.

## פוילישע אידען דארפען זיין לאיאל צום נייען שטאאט

ערקלעהרונג פונ'ם נייעם פוילישען שטאאט קאנסיל. אידען וועלען אנערקענט ווערען ווי גלייכע בירגער.

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל".)

אמסטערדאם, מערץ 7.

צום ערשטען מאל צייט פוילען איז פון דייטשלאנד ערקלעהרט געווארען אלס אונאבהענגיגעס לאנד, האט דער פוילישער שטאאט קאנסיל פארמאל ערקלעהרט אז די אידען אין פוילען וועלען אנערקענט ווערען אלס גלייכע בירגער פון פוילען.

אין דער ערקלעהרונג זאגט ווייטער דער שטאאט קאנסיל, אז אלעס וואס מען פערלאנגט פון די אידען איז אז זיי זאלען זיין לאיאל צום פוילישען שטאאט און דער שטאאט וועט זעהען ארבייטען צוזאמען צו עטאבלירען די גוטע באציהונגען וועלכע האבען געהערשט צווישען די אידען און די פאליאקען.

דאס אינטערעסאנטסטע דערביי איז, וואס אין דער ערקלעהרונג ווערט גאר ניט דערמאהנט וועגען נאציאנאלע רעכט פאר אידען.

## הייסע פעטש אויף א קאלטער חתונה

דער ערשטער אונאפיציעלער צוזאמענשטויס צווישען פאלקס פעראיין און דער פעדעראציע איז פארגעקומען אויף א חתונה דינסטאג אווענד אין מיקאל סט. שוהל.

אמת איז אז ניט די כלה און ניט דער חתן און ניט די מחותנים האבען איינטהייל גענומען אין אזא דעליקאטער דעבאטע נאר מעשה שהיה כך היה.

א קאמיטע פון פאלקס פעראיין איז געקומען צו דער חתונה און מיט דער ערלויבניש פון מר. גאלדהאר דער אבי הכלה, זיך געשטעלט האלטען א רעדע פאר די געסט מיט'ן צוועק צו זאמלען עטליכע דאלאר פארשטעהט זיך.

פון דעם קאמיטע מאנס רעדע האט זיך איינער פון די געסט מר. שטיינווארצעל געפונען בעליידיגט.

דער קאמיטע מאן האט נעמליך ערקלעהרט אז: ווען אן ארימאן אין שטאדט ליידעט זענען איהר די שולדיגע.

מר. שטיינווארצעל האט עס ניט געקענט פארטראגען. שטייט נו און פעדעראציע? מיר גיבען דאך געלד אהין וואס זשע זענען מיר שולדיג? און ניט טראכטענדיג קיין סך האט ער אנגענומען דעם רעדנער פאר'ן קאלנער און האט איהם ארונטער געשלעפט פון דער ביינקעל ביהנע.

וואס דער נאך איז געווען איז ניט שטארק בעקאנט די געסט פון דער חתונה האבען זיך ניט געקענט איינינגען אויף די סטייטמענטס אין זאך איז אבער בעקאנט, אז פינף פינגער פון מר. שטיינווארצעל רזשוניאר, האבען גערוהט אויף דער לינקער באק פונ'ם קאמיטע מאן.

דאס זענען אבער בלויז געווען צוויי אקטען פון דער טראגי־קאמעדיע. די אנדערע צוויי אקטען (ווארום ווי איז עס עפעס א לייטישע פיעסע אהן 4 אקטען) האבען זיך אבגעשפיעלט ביים טאנצען, פארשיעדענע גרופעס האבען צווישען זיך דיסקוטירט וועגען דעם וואס דער קאמיטע מאן האט צוריק ניט נעגעבען, ווארים וואלט ער יא געגעבען, וואלט די טראגי־קאמעדיע געהאט מעהר ווי 4 אקטען.

וואו דאס וועט זיך ענדיגען איז נאך ניט בעקאנט, אנדערע זאגען ביים רב אין אנדערע זאגען אז דאס וועט זיין אין קאורט.

נאך א זאך איז בעקאנט אז אין דער קאמיטע פון פעראיין זענען געווען מר. מעזוניקער און ב. שטריקמאן, ווער עס האט געכאפט די פעטש איז א סוד, נאר ארויסגעהענדיג פון שוהל האבען זיי זיך געוואלט צוטהיילען מיט דעם וואס זיי האבען געזאמעלט אויף דער חתונה און גארנישט ברייגען אין פעראיין.

## האט נאר געוואלט סמ'ן הינט

אנגעקלאגטע זאגט אז דער דעטעקטיוו האט זיך פאר איהר ארויסגעגעבען אלס איינער וועלכער איז געגען צוואנגס דיענסט.

לאנדאן, מערץ 7.

דער פראצעס פון מרס. וועעלדאן, איהר טאכטער העטי און מר. און מרס. מעסאן, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארען, אז זיי האבען געמאכט א קאנספיראציע צו ערמארדען דעם פרעמיער ללאיד דזשארדזש און אנדערע מיטגליעדער פון קאבינעט, ווערט שוין פארענדיגט. די אנקלאגע איז געשלאסען געווארען מיט דעם; וואס רעגירונגס דאקטוירים האבען בעשטעטיגט אז די שטאפען וועלכע מען האט ביי די ארעסטירטע געפונען זענען זעהר גיפטיגע.

עס זענען אויך פארגעלעזען געווארען די בריעף און אלע בעווייזע וועלכע די דעטעקטיווס האבען געהאט.

די פארטהיידיגונג האט זיך אנגעפאנגען מיט מרס. וועעלדאם אלס עדות פאר זיך אליין.

זי האט ערקלעהרט, אז דער דעטעקטיוו פון סקאטלאנד יארד האט זיך ערקלעהרט אלס געגנער פון געצוואונגענע מיליטער דיענסט און האט ביי איהר געבעטען סם צו טויטען די הינט, וועלכע היטען א געוויסען קעמפ וואו דריי פון זייערע פריינד זענען פארשפארט און אויף וואו איהר זוהן איז פערשפארט, און אז די גאנצע געשיכטע איז בלויז געווען וועגען סמ'ן הינט אבער קיין מאל ניט מענשען איבערהויפט נאך מיניסטארען.

דער טרייל ווערט פארגעזעצט.

## דייטשע צייטונגען קריטיקירט פרעזידענטס רעדע

זאגט ער וויל זיך ווייזען פאר א פריעדענס מענש און סטראשעט מיט מלחמה.

בערלין, מערץ 7.

די דייטשע צייטונג דער „לאקאל אנצייגער" האט אין א עדיטאריעל שטארק אנגעגריפען פרעזידענט ווילסאן פאר זיין אינאוגוריישאן רעדע.

דער עדיטאריעל שרייבער זאגט:

איצ'ם זעלבען טאג מיט הונדערט יאהר צוריק איז געשאפען געווארען די מאנרא דאקטרין פון דעם דאן ערוועהלטען פרעזידענט מאנרא. דער דאקומענט, איז געווען פאר אמעריקא ווי א לייכט טהורם איז דער אויסלענדישער פאליטיק און יעצט איז געקומען פרעזידענט ווילסאן און האט די מאנרא דאקטרין צוריסען. ער האט עס אנגעקליידט אין א אראטארישען מלבוש, אבער זיין רעדע האט ניט קיין אנדער אויסטייטשונג.

זיין גאנצע רעדע איז ניט מעהר גענוען ווי אן ארגומענט פון זיינע געדאנקען, וועלכע ער וויל ארויפצווינגען אויף דער אלטער וועלט אלס די אינטערנאציאנאלע געזעצען פאר די נאציאנען.

אבער דאס איז נאך ניט די הויפט זאך פון זיין רעדע אין יעדען זאץ פון זיין רעדע פיהלט זיך די ניט ריכטיגקייט פון דעם און ווי ער פארדרעהט די פאקטען, צו פראקלאמירען זיך פאר דער וועלט אלס א גרויסער פריעדען ליעבהאבער און אין דער זעלבער צייט סטראשעט ער אהן וועלכער עס איז אורזאכע אנצופאנגען מלחמה

און חוץ דעם איז ער פערנאנטווארטליך פאר דעם וואס די מלחמה פארציהט זיך, צוליעב זיין פרא־ענגלישער סימפאטיע.

נאך קיין מאל איז די הויפט שטאדט וואשינגטאן ניט פארשוועכט געווארען פון א רעדע ווי דאס איז יעצט געווען דער פאל.

אין יעדען זאץ האט דער פרעזידענט גערעדט וועגען רעכט און מאראל. ער האט זיך אבער ארויסגעוויזען פאר ניט קיין עהרענווערדיגען מענשען; ווען ער האט געזאגט אז קיין זאך קען ניט בייטען זיין מיינונג וועגען בעוואפענען שיפען האבען א מיליאן שטימען אויף דער זייט ים אויסגעשריען:

„מען קען אונז ניט שטראשען מיט בעוואפענטע שיפען און מיר וועלען אויך ניט ארונטער נעהמען די בלאקאדע פאר'ן אמעריקאנער האגרעל."

מר. ה. ווינבערג
פרעזידענט פונ'ם „אידישען זשורנאל"
שיקט
געלד קיין רוססלאנד
לויט'ן טאגעס קורס
32c.
(פאר'ן רובעל)
מיר שיקען אויך טעלעגראפיש.
געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

## דזשאנקשאנער אידען פאר די מלחמה קרבנות

אויך 150 דאלאר שלח מנות.

די דזשאנקשאנער אידען, וועלכע האבען שוין פיעל געטהון פאר די מלחמה ליידענדע, האבען הורגעפיהרט דעם 25־טען פעברואר א קאנצערט אין ראפאפארטס טהעאטער, דער פראפיט אין 126 דאלאר מיט 5 סענט, וועלכעס זיי האבען איבערגעגעבען צום קאנפערענץ.

עס מוז אויך דערמאהנט ווערען אז מר. ראפאפארט האט געגעבען זיין מאווינג פיקטשור טהעאטער אומזאנסט און דאס האט געהאלפען מאכען דעם ערפאלג.

איצט בלייבט צו זעהען וואס די אנדערע אידישע מאווינג פיקטשור אייגענטימער וועלען לייסטען פאר די מלחמה קרבנות.

מר. סקוהל פון 235 מאראיא סטריט, וועלכער איז דער טרעזשורער האט נעכטען אווענד אויך אריינגעבראכט 150 דאלאר, וועלכע די דזשאנקשאנער אידען האבען געגעבען שלח מנות פאר די מלחמה קרבנות.

די היגע אידען וואלטען געמעגט נאכטהון דעם גוטען ביישפיעל.

## פעהלער אויסבעסערונג

אין דעם אדווערטייזמענט פון דער ליקער פירמא מאקס ראטהשילד פון מאנטרעאל וועלכער איז ערשיענען ביי אונז אין צייטונג זונטאג דעם 4־טען מערץ האבען זיך אריינגעכאפט א פאר פארדריסליכע פעהלערן. דארט שטעהט נעמליך, „אז די פירמא בעצאהלט עקספרעס געלט אויף אלע ארדערס פון מאנטרעאל"; דאס איז א טעות, עס האט געדארפט זיין; אז די פירמא שטעלט בלויז צו די סחורה ביז צו דעם סטיישאן אין מאנטרעאל אויף איהר הוצאות. אויך אז פאלעסטינא ברענדי איז דער פרייז $13.50 ניט ווי דאס איז געווען געדרוקט $13.00, און אז יפה 90 איז $1.75 ניט ווי דארט איז געווען $1.50 און יפה 80 איז $1.50 ניט ווי דארט איז געווען $1.75. מיר בעטען אונזערע לעזער צו נעהמען דאס אין אכט און אונז ענטשולדיגען פאר דיזע טעות'ן.

אין אונזער נעכטיגער אויסגאבע האבען מיר געמאלדען דאס גאז וועט זיין 75 סענט א טויזענד. דאס איז ניט ריכטיג, עס האט געדארפט זיין 80 סענט, דאס הייסט גאז וועט זיין טייערער מיט 10 סענט ניט ווי מיר האבען געמאלדען „פינף סענט".

### פעהלער אויסבעסערונג.

דורך א טעות איז נעכטען געדרוקט געווארען לעאן קארבין, אלס דער שרייבער פון דעם ארטיקעל „דער סאלדאט און דער ציווילער". דער שרייבער הערפון איז „לעא קעניג". מיר בעדויערען דעם צופאל.

### באהן ארבייטער געהרג'עט.

וויליאם שפילאן אן ארבייטער פון דער גרענד טראנק פון 121 סיימינגטאן עוו. איז ארונטערגעפאלען פון א באקס קאר אין קיעל סט. און סט. קלער עוו. ער איז אזוי שטארק צושלאגען געווארען דאס ער איז שפעטער געשטארבען אין וועסטערן האספיטאל.

פון די רעפארטס וואס ווערען איבערגעגעבען פון דער פאליס איז שפילאן געשטאנען אויף איינער פון די קארס און אזוי ווי די קאר האט זיך פלוצלינג א ציה געטהון איז ער ארונטערגעפאלען פון זיין פלאץ אריינפאלענדיג צווישען צוויי קארס וואו ער איז ארונטערגעפאלען אונטער די רעדער.

אפעראציעס זענען געמאכט געווארען אבער אהן ערפאל. שפילאן איז אלט געווען 29 יאהר.

# דער מוטערס קרבן

## א העכסט שפאנענדער ראמאן פונ'ם אידישען לעבען אין רוסלאנד און קענעדע

פון ב. באראץ

(71-טע פארטזעצונג)

א שטראם בלוט האט זיך א לאז געטהאן פון האלז ביי לעאנען האט פערגאסען זיין קאלנער און זיינע קליידער. ער האט דערפיהלט א שניידענדען שמערץ אויף דעם פלאץ וואס דאס מעסער האט די עפענונג געמאכט. ער האט ארויסגעלאזען א מארדעם קוויטש׳ ווי פון א קאץ האט זיך א כאפ געטהאן ביים האלז און איז געפאלען אויף דער באנק ארום וועלכער ער איז געשטאנען.

סאניטשקא האט צוריק א שפרונג געטהאן צו דער מוטער וועלכע איז געבליבען ווי צומישט פון דער ווייטען האט זי א שלעפ געטהאן ביים האנד און א געשריי געטהאן קום.

מרים איז ווי היגנעריסען געווארען פון סאניטשקאן און איז איהר אויטאמאטיש נאכגעגאנגען.

אלעס איז אבגעטהאן געווארען אזוי בליץ שנעל אז איידער וואס וועו איידער מענשען זיינען זיך צוזאמענגעקומען איז שוין סאניטשקא מיט דער מוטער געווען גאנץ ווייט פון פלאץ. זיי זיינען מעהר געלאפען ווי געגאנגען וויל סאניטשקא האט געשלעפט דער מוטער פארן האנד.

אויף'ן וועג האבען ביידע א ווארט ניט ארויסגערעדט. סאניטשקאס ציעל איז געווען וואס שנעלער צו זיין אין דער היים ווייל זי האט געפיהלט אז זי וועט צוזאמענברעכען.

בלויז איין מאהל האבען זיי זיך אבגעשטעלט אין דאס איז געווען ווען זיי האבען בעדארפט אריבערגעהן די גאס, א האספיטאל וואגען איז שנעל געלאפען און סאניטשקא האט ארויסגעמורמעלט:

אט איז נאך איהם!

אין הויז קומענדיג איז סאניטשקא געפאלען אויף א סאפע אין זאל און האט זיך ווייטער ניט געקענט ריהרען, די אויפרעגונג און די איבערמענשליכע אנשטרענגונג זיינען געווען צופיעל פאר איהר, און ערישט ווען זי האט זיך אוועקגעזעצט האט זי דערזעהען אז זי האלט נאך דאס מעסער אין האנד. ער איז געווען איינגעריכט אין בלוט און זי האט זיך געוואונדערט ווי אזוי עס קומט וואס זי האט ניט געזעהען פריהער אז זי האלט נאך דאס מעסערל אין האנד, און אין וועלכער געפאהר זי האט זיך געפונען ווען יעמאנד וואלט דערזעהען דאס מעסערל ביי איהר אין האנד. זי האט איהם אויטאמאטיש ארויסגעלאזען פון האנד און ער איז געפאלען צו דער ערד מיט א קלונג. מרים האט זיך אומגעקוקט האט דערזעהען דאס מעסערל און האט ארויסגעלאזען א שוועהרען זיפץ.

מוטער און טאכטער זיינען לאנג אזוי געזעסען ניט רעדענדיג צווישען זיך א ווארט. די אטמאספערע איז געווען אזעלכע אז זיי האבען ביידע ניט געפונען קיין פאסענדען ווארט מיט וועלכען אנצופאנגען. זיי האבען אויך ארויסגעמיידען צו קוקען איינע אויף די צווייטע.

זיי וואלטען אזוי גאט ווייסט ווי לאנג געזעסען ווען אין דעם וואלט ניט אנגעקומען אין הויז הערר זילבערבערג. מוטער און טאכטער זיינען געשווינד ארויסגעגאנגען פון זאאל אין פערשיעדענע ריכטונגען. דער פריהערדיגער אויסדרוק אויף זייערע געזיכטער איז אין גאנצען פערשוואונדען, פונקט ווי עס וואלט גאר ניט געווען פאסירט, און אט אזוי איז אריבער נאך אן אויסערגעוועהנליכע פאסירונג אין סאניטשקאס אונגליקליכען לעבען.

די דריטע און לעצטע פאסירונג איז אבער געווען די וועלכע האט סאניטשקאן צום אבגרונד געבראכט.

לעאן איז צוגענומען געווארען אין האספיטאל נאך יענער פאסירונג און די דאקטוירים האבען אויסגעפונען אז ער איז ניט זעהר ערנסט פערוואונדעט, אבער ער האט פערלוירען זעהר פיעל בלוט. זיין וואונד איז פערנייט געווארען און עס האט גענומען צוויי וואכען איז ער פאלקאם געזונד געווארען.

איבערטראכטענדיג אלעס וואס מיט איהם האט פאסירט האט זיך לעאן פערשווארען צו נעהמען ראכע פון סאניטשקאן. טיעף אין הארצען האט זיך זיין ברענענדע ליעבע צו סאניטשקאן פערוואנדעלט אין א שרעקליכען האס און ער האט זיך גענומען ניט צו רוהען ביז ער וועט זיך מיט איהר אבֿרעכענען פאר די צוויי אנפאלען וועלכע זי האט אויף איהם געמאכט. ער האט אין דער צייט פארגעסען אלגאן, און אלעס אין דער וועלט. ער האט פאר זיך בלויז איין זאך געזעהען אין דאס איז נעהמען ראכע פון דער זילבערבערג פאמיליע.

לאנג האט גענומען איידער ער האט זיינע פלענער דורכגעפיהרט ער האט זיי אבער דורכגעפיהרט, פאר דער צייט איז ער דריי מאהל געווען אין שיקאגא צוזאמען מיט אלגאן, אין בלויז דורך איהר איז איהם געלונגען זיין ראכע פלאן דורכצופיהרען.

זיין פלאן איז געווען צו נעהמען ביי איהר דאס קינד. ער האט זיך פאר דער צייט דערוואוסט אז דאס קינד איז ביי דער גאנצער פאמיליע טהייערער איידער דאס לעבען. די גאנצע האפנונג זיינע איז אבער געווען דאס אז צוליעב דאס קינד וועט ער סאניטשקאן צווינגען צו קומען צו איהם פאלען צו זיינע פיס אין בעטען זיין ליעבע אבי ער זאל איהר לאזען זיין צוזאמען מיט איהר קינד.

לעאן האט מיט אלגאס הילף צוגענומען ביי סאניטשקאן איהר יוסף'קען ווען ער איז בלויז אלט געווען צוויי יאהר.

סאניטשקא פלעגט יעדען טאג ארויסשיקען די דיענסט מיט יוסף'קען אביסעל שפאצירען אין גאס, דאס האט לעאן געוואוסט.

אלגא האט זיך בעקענט מיט דער דיענסט צוביסלאך מיט איהר פריינדשאפט געשלאסען און אזוי ארום האט זי איהר איינמאל איינגערעדט אריינצוגעהן מיט איהר אין א קאנדיטעריי און לאזען דאס קינד א ווייל אין סאד זיך צו שפיעלען מיט די אנדערע קינדער.

אין קאנדיטעריי האט זיך אלגא פון איהר ארויסגעדרעהט און ווען די דיענסט איז צוריקגעקומען אין סאד האט זי מעהר יוסף'קען ניט געפונען. אומזיסט האט זי איהם נעבאך געזוכט, אומזיסט איז זי נעבאך אומגעלאפען אין אלע עקען געפרעגט און געזוכט דאס קינד, אבער עס איז געווען אהן ערפאלג. ווען זי איז אהיים אהן יוסף'קען געקומען האט זיך ערשט אנגעפאנגען די טראגעדיע. סאניטשקא האט געחלש'ט מרים איז אומגעלאפען ווי א משוגענע. מען האט געמעלדעט דער פאליציי. די שטאדט איז אויפגערודערט געווארען. מען האט געמעלדען אין די ציטונגען, אבער עס איז אלץ אומזיסט געווען.

ביי זילבערבערגען איז געווען דער גרעסטער קלאג אין הויז. מרים האט געוויינט האט זיך געריסען די האר פון קאפ אביסעל פאר וועהטאג און נאך מעהר דיא לאגע וועלכע זי האט בעדארפט שפיעלען פאר איהם פאר איהר מאן. זי האט אויך בעדארפט זעהען אז ער זאל ניט בעמערקען סאניטשקאס אויסערגעוועהנליכען טרויער אום ער זאל ניט פערדעכטיגען עטוואס.

טיעף אין הארצען האט עס מרים'ען אביסעל געפרעהט. זי האט פערשטאנען אז דאס איז לעאנס ארבייט. זי האט זיך אבער געפרעהט דערמיט וואס זי איז פון דעם מכיר פטור געווארען וועלכען זי האט אימער פון הארצען פיינט געהאט. זי האט אבער רחמנות געהאט אויף איהר סאניטשקאן וועלכע איז צוליעב דעם שטארק קראנק געווארען אויך זילבערבערג האט שטארק נאך יוסף'קען געטרויערט.

מיט עטליכע מינוטען שפעטער האט סאניטשקא דעם אמת געוואוסט, אין א געוויסען טאג איז דער בריפענטרעגער געקומען און האט געבראכט א ספעציעלען בריעף וועלכען ער האט קיינעם ניט געוואלט געבען נאר סאניטשקאן, און ווען סאניטשקא האט דעם בריעף געעפענט איז פאר איהר אלעס קלאהר געווארען. זי האט זיך דערוואוסט וואו איהר קינד געפינט זיך. דער בריעף איז געווען פון לעאנען.

(פארטזעצונג פאלגט)

## „אויף שמחות און אונטערהאלטונגען״

מ. שלאכטער פון 280 קווין סט. האט געגעבען 2 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות, פון זיין פרייז, וועלכען ער האט בעקומען פון דער מאזירער סאסייטי.

3560)

אויף איין סופרייז פארטי ביי מרס. לעווין 274 אגוסטא עוו, איז געזאמעלט געווארען $20.00 פאר די מלחמה ליידענדע. די געלד האט אריינגעבראכט מיס הושעני לעווין צום ט-עזשורער מר. ה. וויינבערג, פרעזידענט פון „אידישען זשורנאל״.

3572)

שעכטער'ס

סטאר איז דער איינציגער פלאץ, וואו אלע אידען, האמילטאנער און פרעמדע קומען זיך צוזאמען. ס'איז א פלאץ וואו א יעדער איד (אדער פרוי) צו יעדער צייט בעקומט די בעסטע אויסקינפטע וואס איז איהם (אדער איהר) נוגע.

שעכטער איז דער איינציגער אין האמילטאן וואס קען צו יעדער צייט ארויסגעבען סיטיזען פייפערס, מעררידזש לייסענס, געזעצליכע דאקומענטען, אויס שווערען אפידייוויטס, שאפען פאספארטען א. ז. וו.

שעכטערס סטאר איז דער איינציגער פלאץ אין האמילטאן וואו צו בעקומען אידישע ציטונגען און זשורנאלען, א גרויסען אויסוואהל פון נאציאנאלע און רעליגיעזע ארטיקלען ווי: סדורים, מזוזות טליתים, ציצית, מוזיק נאטען, ראמאנען, ביכער צו לעזען ביי דער וואך א. ד. ג. אויך א אפ - טו - דייט סטאק פון דריי גודס, און מענס פורנישינגס. סטאר אפען יעדען אווענד.

געדענקט דעם אדרעס: שעכטער, קארנער יארק און פארק. טעלעפאן 5416 איין בלאק פון סיטי האל.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace, Issuer of Marriage Licenses and Citizens Papers

TERDIMAN'S
כשר
כשר וואורשט פעקטארי
איהר בעקומט ביי אונז איטער די נעשמאקסטע, פרישטע און בעסטע מאסטה שעם. ווארשט. באלאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סארט פליישען און פיש
פערלאנגט איבעראל
טערדימאן'ס כשר פאסטרמע
מיט'ן רויטען לייבעל.
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 808
ארדערס דעליווערט איבעראל.

הורעה מהרב מאיר צבי גאון —
[illegible] באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6808.
איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים היינו שאלות, דין תורות, עצות, [illegible] נאכ'ן אידישען דין און אויך סדר גיטין. ווארים זאלט איהר אין אזא שרעקליכער צייט ספענדען אומזיסט געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען [illegible] מיר אין הויז ביים די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מעררידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.
קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם איבערגערמאנטען אדרעס.

אורין איספליסונגען
קוריערט אין 24 שטונדען
יעדע פיעל האט דעם נאמען
MIDY
SANTAL CAPSULES MIDY
היט זיך פאר נאכגעמאכטע

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט טאראנטא
נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען
מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגע, נעמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם בילינגסטען פרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוועיט.
וואטשעס גערלינט גוט און גאראנטירט 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר-ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעמס 50 ס
מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז.
אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט
מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינגסטען פרייז.

טעלעפאן קאלעדזש 611
דר. פריינק פ. מעקינטייער
דענטיסט
האט גענומען סאוטה-וועסט קארנער סט. פעטריק און מעקקאל סטריט, איבער די דאמיניאן באנק. אריינגאנג פון - סיינט פעטריק סטריט

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער סט. פעטריק סט. און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 607, הויז טעלעפאן קאלעדזש 6937

פאקטאר און שולמאן
באריסטערס, סאליסיטארס
לאא אפיס
וועזלי בילדינג, 299 קווין סט. וועסט
קארנער קווין און דזשאהן סט.
טאראנטא.
טעלעפאן אדעל. 3157.

אברהם קאהען
באריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1541

מ. גאלדסטיק
515 דאנדעס סטריט טעלעפאן פארקדייל 6826
ריעל עסטייט, לעבענס עקסידענט, פלייט גלעס אטאמאבילס און פייער אינשורענס.
מיר רענטען הייזער און קאלעקטען רענט
מיר פערקויפען די זיכערסטע 10, 15 אדער 20 יאהר פאליסים.
מיין הויז טעלעפאן איז קאלעדזש 1378

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני ——
מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך אינד יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ארעלייד 8087.
ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
N.Y. WINDOW CLEANING CO.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 10 TERAULEY ST

EATON'S COAL
The Very best, We guarantee every ton and best service, Phone College 1036
איטאנ'ס קוילען
די בעסטע אין מארקעט
מיר גאראנטירען יעדען טאן טעל. קאל, 1036

פעדלערס און סטאר קיפערס
די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי-גודס, היינקאוטס, „פענסי גודס", דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.
האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא. דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען. דזשאבלאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא, אנט.
טעלעפאן ארעליה 2772.

זעלטענע געלעגענהייט
א 15 דזשועל ניקעל מאוומענט 14 קערעט
גאלד וואטש
—בלויז פאר א קורצער צייט—
ספעציעל רעדוצירט $36.00 כמעט האלסייל פרייז
KLING BROTHERS
125 Queen W.—Phone M. 2354

A.W.C.Co
TORONTO

## ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

אפערייטארס איך האב יעצט די ריכטיגע קליוולאנד ביינדערס ל. ברייטשטיין 614 קאלעדזש סט. טעלעפאן קאלעדזש 8531

10073—3—6

צו פערקויפען א רעסטאראנט ביזנעס, גוטען טשאנס פאר דער ריכטיגער פארטי. נאכפרעגען 208 דזשאהן סט.

10123—3—9)

צו פערקויפען א סטאר 205 יארק סטריט.

10136—3—8)

צו פערקויפען א זעקס רומיגע הויז מיט אלע קאנוויניענס זעהר א גוטער סעלער און א גוטער קיטשען. פרעגען 151 מיידזשער סטריט.

10139—3—8)

צו פערקויפען א גראסערי סטאר מיט פיקטשורס, סטאק און פיקטשורס ווערטה $500. א פינף רומיגע הויז $25.00 א מאנאט רענט, א גוטער כטענד. אייגענטימער געהט ארויס פון ביזנעס. בלויז א קעש קאסטימער זאל זיך מעלדען. 285 יוקליד עוו.

10140—3—9)

## צו פערענטען

צו פערענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס. אלע קאנוויניענס. פרעגען 227 בעווערלי סט.

10142—3—9)

זעהר וויכטיג אלע זאלען דאס וויסען
ווען עס מאכט זיך ביי אמענש א ברענען אויף דעם הארץ אין דאס א סך מאהל פון טרינקען שלעכטע טהעע, און דאס צו פערהיטען איז די בעסטע זאך צו קויפען
אוילבוים טהעע
וועלכע איז פאזיטיוו די
בעסטע טהעע
וואס איהר קענט נאר בעקומען. די גוטסקייט און ריינהייט און געשמאק פון
אוילבוים'ס טהעע
האט קיין גלייכען, און עס וועט אייך ניט ברענגען דאס הארץ און וועט האלטען אייער מאגען אין ארדנונג. נאר היט אייך פיר נאך נעמאכטע. זעהט אז דער נאמען אוילבוים זאל זיין אויף יעדען פעקעדזש אין אלע קארנערס.
צו בעקומען אין אלע אנשטענדיגע אידישע גראסעריס. קאנטרי ארדערס ווערען פינקטליך אטענדעט.
OELBAUM TEA Co.
15 Grange Ave. Toronto Ont
Phone College 3919

[illegible] רום סיסטעם
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארייזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש אייזשענטס
368 ספעדיינא עוו. טאראנטא, אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור גענומען און געסטארד.
שטוב זאכען געפאקט און געשיקט ביי עקספערטען.
ווערהייזער 551 קווין סטריט וועסט
צונג-עקסטע וועגען. פלעזשור טריפס.
[illegible]

פארלאנגט איינקעכע פאר איין פריוואטע פאמיליע וועגען געלד איז קיין מניעה ניט פרעגען באקראק 337 שוירבערען סטריט

## ארבייטער פארלאנגט

25 דאלאר א וואך אין קאמישאן וועט ווערען געצאהלט צו א יונגען מאן וועלכער האט געשעפטס פעהיגקייטען און אביסעל איינפלוס. מוז אינוועסטען 300 ביז $500 מיט דער קאמפאניע דאס געלד איז פערזיכערט. נאכפרעגען פ. דזש. רום 45 171 יאנג סטריט.

9725)

סיילעסליידי קענען מאכען ביז $75.00 א וואך פארקויפענדיג דרייצעהן פראצענט גאראנטירטע אינוועסטמענטס. זיך ווענדען צו מר. דזשאזעף רום 45 171 יאנג סטריט, טאראנטא.

9773

פערלאנגט אפערייטארס און פינישערס ביי ליידיעס קאוטס און סוטס א ראמה און קא. טאפ פלאר 122 ריטשמאנד סט. וועסט.

10083—3—8

סאקאלסקי, פייפער הענגער און פיינטער פאר $2.50 א רום. 45 לעאנארד עווענוי. לאזט וויסען ביי א פאסט קארד.

10110 3—9

פערלאנגט איין בעקער דרייווער ביי אלטער מאנדעל, 231 מאראיא סטריט, דזשאנקשאן. גוט בעצאהלט.

10709—3—12)

פערלאנגט א מענער שניידער פאר קאסטאם טיילערינג. נאכפרעגען 298 יאנג סט. טאנליא.

10119—3—8)

די קאנגרעגיישאן גאול צדק פערלאנגט איין שמש. אפליקיישאנס קענען געשיקט ווערען צום סעקרעטער: מר. לואיס, 53 סיסעל סטריט.

10120—3—8)

דעכער צו פערריכטען אלערליי. פרעגען יוסף מאנהיים 80 באלדווין סט. טעל. קאלעדזש 7218.

10044—4—26)

פערלאנגט אפערייטערס פאקעט מייקערס ביי מענס קאוטס. פרעגען דאיעל האלסייל טיילערס, 569 קווין סט. וועסט.

10133—3—8)

פערלאנגט פינישערס. בעסטע וויידזשעס געצאהלט. פרעגען עמפייער קלאוק קא. 49 באטהורסט סט.

10129—3—8)

פערלאנגט אפערייטערס צו קלאוקס, און סוטס. אנטאריא קלאוק קא. 439 קינג סט. איסט.

10128—3—9)

פערלאנגט קלאוק אפערייטערס און פינישערס, שטיק אדער וואך ארבייט. פרעגען קלייסאן און קא. 280 קאלעדזש סטריט.

10127—3—9)

פערלאנגט א פרוי צו טהון הויז ארבייט. גוטע וויידזשעס. פרעגען 10 קעמעראן סטריט.

10124—3—13)

איך זוך הויז קליינינג און וואשינג. א ריינע און גוטע ארבייטארין פיר $1.50 א טאג, אדער 25 סענט א שטונדע, 295 סימקאָ סט.

10130—3—8)

פערלאנגט פינישערס און באטאן נייערס. נאכפרעגען מיגער און בערגער 132 ריטשמאנד סטריט וועסט, גוטע וויידזשעס.

10147—3—8)

פערלאנגט א פלאץ מיט זעקס מאשינען פאר א פענס שאפ. זיך מעלדען שריפטליך באקס 281, „אידישער זשורנאל״.

10135—3—9)

פערלאנגט א ליידיס שניידער. פרעגען טעמים 808 קאלעדזש סטריט.

10143—3—9)

פערלאנגט עקספיריענסט אפערייטערס און פינישערס ביי ליידיס קלאוקס און סוטס. פרעגען דזשוי און דזשיי גארמענט קא. 260 ריטשמאנד סטריט וועסט.

10144—3—8)

פערלאנגט צו קויפען א סטענדיג וואג. פרעגען אין אפיס פון „זשורנאל״.

ביי א ברית ביי מר. און מרס. עפשטיין 401 ראדזיוועלעס עוו. איז געזאמעלט געווארען דורך באזין עפשטיין און מר. פייגעלשטיין 25 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

3564)

מעקלאוד ווילבייסיקלס פיר קעש
ר. דז. מעקלאוד
181 קינג סט. וו. פאן אד. 1582

שיקט געלד
— דורך —
מר. הערי וויינבערג
פרעזידענט פון "אידישען זשורנאל".
צו אייערע קרובים אין יוראפ
ראיעלע, אנשטענדיגע און פריינדליכע בעהאנדלונג איז מיין מאטא
איך שיק געלד נאך אלע טהיילען פון דער וועלט
און אויב דאס געלד עררייכט ניט דאס פלאץ בעקומט איהר די גאנצע פולע סומע געלד. איך מאך קיינע חשבונות אום אייך זאל נאר ניט בלייבען!
שיקט געלד פון פלאץ ווי אלע שיקען
קאנטרי אידען קענען אויך געלד שיקען דורך מר. וויינבערג. — די געלד מוז צוגעשיקט ווערען דורך א מאני ארדער און די אדרעס געשריבען אין רוסיש.
אפפיס:
253-251 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן אדעלייד 6967

קאנטאר וולאדאווסקי
רופט זיך און איבערציינגט אייך
קאנטרי'זיים קענען זיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. איין וואהנונג איז 63 גראנוויל עווענו, און מיין טעלעפאן איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזונסט.

חזן מאסקאוויץ
מוהל ומסדר קדושין

אלע זיינען שוין איבערצייגט אז ער איז א פיינסטער א מוהל, און מסדר קדושין.
רופט איהם און איבערציינט זיך.
אדרעס 233 בעווערלי סט.
טעלעפאן קאל. 2033

אלע זיינען איבערצייגט אז דער איינציגער איז

חזן קאפלאן
וועלכער דארף פאטראנייזט ווערען פון יעדען אידען. ווער עס פאטראנייזט חזן קאפלאן דער טהוט זיין מענשליכע פליכט. זייט וויסען דאס קיין אנדערער האט זא פיעל גוטעס אויפגעטהאן פאר די אידען אין טאראנטא די לעצטע 11 יאהר ווי דער בעוואוסטער רעוו. מ. קאפלאן פון 166 דזשאהן סטריט.
טעלעפאן ארעלייד 1545. אפיס טעלעפאן ארעלייד 239.
מוהל ומסדר קדושין.

# איד און וועלט

## פון יאהאנות

פיעלע נאציאנען האבען ארומגעשפאצירט אויף גאט'ס ערד, פערבראכט זייער צייט און נאכהער פערשוואונדען ניט איבערלאזענדיג קיין שפור פון זייער געשיכטע. די אורזאכע דערפון איז, ווייל זיי אליין האבען קיין געשיכטע ניט געשאפען, דאס הייסט, זיי האבען ניט בעאיינפלוסט דעם לעבענס־גאנג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. עס איז מיט דאסען דאס זעלבע וואס מיט יחידים: קיינער פערבלייבט ניט אין די מחות פון די שפעטערדיגע דורות, אויסער די וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט דורך אידעען וועלכע האבען געווירקט אויף דעם לעבען פון דער מענשהייט. וואס מעהר גייסט א נאציאן האט אריינגעבראכט אין דער וועלט, אלץ לענגער און פעסטער פערבלייבט זי אין דער וועלט און אלץ לענגער דויערט איהר געשיכטע. די נאציאנען פון דער געשיכטע זיינען די וועלכע האבען ארויסגעשטעלט געוויסע תביעות פיר דער בעהערשונג פון דער וועלט.

ווען מען זאל אונז פרעגען וואס פאר א תביעות האבען די אידען געהאט וועט אונזער ענטפער זיין: ניט די שטארקע מאכט וואס עס איז צו זעהען אין דער געשיכטע פון גרויסע נאציאנען. די אידען זיינען אימער צו געוועזען א קליינינקע נאציאן, זיי האבען פערנומען א גאנץ קליינעם ערד־שטח און קיינמאל ניט געשפיעלט קיין וויכטיגע ראלע אין דער פאליטישער געשיכטע פון דעם מזרח, זיי האבען קיינמאל ניט ארויסגעגעבען א ערמסס דעם צווייטען, א שרגון, א נבוכדנצר, אן אלכסנדר מוקדון, אן האניבאל, א יוליוס צעזאר צו טראגען זייער פאהן אין די ווייטע לענדער. און טאקע דערפאר איז די אידישע געשיכטע אנדערש ווי די געשיכטע פון אנדערע נאציאנען אין דעם אלטערטהום.

עס איז דעריבער אינטערעסאנט אבצושטעלען זיך אויף געוויסע אידישע אנלאגען און זעהען מיט וואס זיינען זיי אנדערש ווי די פון אנדערע נאציאנען וועלכע זיינען אבגעמעקט געווארען פון דער וועלט. ביים אידען געפינען מיר ניט צום ביישפיעל קיין געפיהל פאר שעהנקייט ווי ביים גריך. צווישען די אידען איז ניטא קיין זאך וואס זאל האבען עטוואס אן עהנליכקייט צו דעם העלענישען פאלק. עס פערמאגט נים קיין עפיק, עס פערמאגט ניט קיין ליטעראַרישע שעפפונג וואס מען זאל קענען פערגלייכען מיט דער „איליאדא" און „אדיססעי": עס האט ניט די קלענסטע רעגלען פון א דראמא — שיר השירים און איוב זיינען אויף קיין פאל קיין דראמאס ניט, דאס גייסטיגע אידישע לעבען איז מייסטענס איינזייטיג און איינגעשרענקט. און דאך האט דאס איינזייטיגעם קליינעם פאלק געהאט אן איינפלוס אויפ'ן געשיכטליכען גאנג פון דער גאנצער מענשליכער ראסע מעהר ווי די גריכען און רוימער. דאס לעבען, די געדאנקען, די געפיהלען און די האנדלונגען פון די יעצטיגע נאציאנען זיינען בעאיינפלוסט געווארען פון דעם אידען'ס אידעען וועלכע ער האט אדוואקאטירט מיט טויזענדער יאהרען צוריק.

די ערשטע אורזאכע דערפון איז וואס דער איד האט זיין מענשליכע נאטור ענטוויקעלט צו דער העכסטער שטופע פון פאלקאמענהייט — א זאך וואס האט מעהר וויכטיגקייט פאר דער מענשהייט אין אלגעמיין ווי קונסט אדער וויסענשאפט, יוריספּאנדענץ אדער פילאזאפיע. אין דער צייט וואס די גריכישע וויסענשאפט האט זיך ענטוויקעלט פון דער מיטהאלאגיע, האט זיך ביי די אידען פון דער מיטהאלאגיע ענטוויקעלט די רעליגיאן מיר קענען זאגען, אז די אידישע רעליגיאן איז נאך אלץ פיעל מעהר אלס די גריכישע פילאזאפיע, אלס די אקטיווע פילאזאפיע פון דער וועלט. וואס איז אהן צווייפעל מעהר עפאכע־מאכער, מעהר ווירקענד ווי דאס וואס די רוימער האבען אויפגעטהאן אין דער ספערע פון פאליטיק, אדער די גריכען אויפ'ן געביעט פון קונסט און וויסענשאפט. אזוי ווי דער איד איז געווארען דער פיהרער פון דער מענשליכער ראסע און רעליגיאן, אזוי איז רוים אויך געווארען אין פאליטיק און גריכענלאנד אין פילאזאפיע. אבער אין דער צייט וואס די רוימישע יוריספּאנדענץ און די גריכישע קונסט זיינען אויפגענומען געווארען אין קליינע בעשרענקטע קרייזען, האט רעליגיאן ארומגענומען אלע קלאסען פון דעם פאלק. צי מיר ווילען, צי מיר ווילען ניט, אבער מען מוז צוגעבען אז רעליגיאן האט א מעהר אלגעמיינעם אינטערעס פאר דער וועלט, ווי קונסט, וויסענשאפט, אדער אירגענד וועלכע אנדערע פאליטישע אינסטיטוציאנען, דורך רעליגיאן האט זיך געענדערט דער כאראקטער פון נאציאנען און עס זיינען ארויסגעבראכט געווארען נייע נאציאנאלע טיפען.

דאס קריסטענטהום, דער מאהאמעדאניזם ווי אויך די גאנצע מאדערנע ציוויליזאציאן זיינען א פראדוקט פון דער אידישער מאנאטהעאיסטישער (אחדות הבורא) רעליגיאן.

די צווייטע אורזאכע פון דעם אידישען קיום איז וואס דער איד האט זיך קיינמאל ניט פערלאזט אויף זיין קערפערליכע מאכט ווי פיעלע אנדערע נאציאנען. ווען די אידען האבען געזעהען, אז זייער פאליטישע מאכט געהט אונטער, האבען זיי געזוכט מיטלען ווי אזוי צו פעסטיגען זייער אינערליכע מאכט. איבערלעבענדיג אזוי פיעל דורות און צוזעלענדיג די מפלות פון די פערשיעדענע קריעג־פיהרערישע נאציאנען, האבען זיך ביים אידען אויסגעבילדעט די ווערטער „לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח", ניט מיליטעריש, און ניט מיט קראפט, נאר מיט מיין גייסט.

דער אמעריקאנער פאעט מארקהייט רעדענדיג וועגען דעם מלחמה־גייסט וואס ווערט פון דעמאגאגען אויפגעבלאזען צווישען פאלק און אויסגעהעצט מיט כלומרשט וויסענשאפטליכע צאצקעס, זאגט צווישען אנדערעס פאלגענדעס:

„מיר הערען אפט ווי עס ווערט בעהויפטעט, אז מלחמה איז א נויטווענדיגער איבעל; אז מלחמה האלט אויף די שטארקייט פון דער ראסע: אז מלחמה וועט ניט אויפהערען אזוי לאנג ווי דער מענש עקזיסטירט, אבער איז דאס אזוי? און וואס איז עפעס מיט די אידען, וועלכע זיינען היינט צו טאג פיליכט די הערשענדע ראסע אין דער וועלט? האבען זיי געברויכט מלחמות אויפצוהאלטען זייער שטארקייט? האבען זייערע איינגעבארענע טוגענדען געברויכט דעם אויפרעגונגס־מיטעל פון בלוט־פערגיסונג? איז די פראכט פון דער אידישער ראסע פערניכטעט געווארען אויפ'ן קריעגס־פלאץ? די אידען האבען זיך געווידמעט פאר פיעלע יאהר־הונדערטע צו קאמערץ און צו דער קונסט פון פריעדען. עס איז קיין פראגע ניט, אז מיר קינסטלער האבען אן אורזאכע צו זיין דאנקבאר צו אידען ווייל איך האב מורא צו דענקען, וואס עס וואלט געווארען פון דער קונסט פון דיעזען לאנד, ווען זי זאל ניט ערמוטהיגט און אונטערשטיצט ווערען דורך מיטגליעדער פון דער אידישער געמיינדע".

אט אזוי רעדט אן אמעריקאנער שעהגייסט וועגען דער דויערהאפטיגקייט און ערפאלג פון דעם אידישען פאלק, פון וועלכען מיר פיהלען זיך אזוי געשמייכעלט.

די עדעלערע מענשען פון די פעלקער, די וועלכע זיינען בעגאבט פון דער נאטור צו קענען אריינקוקען אין דער אינערליכקייט פון דעם לעבען, פערשטעהען דאס בעגרייפען דאס און בעוואונדערען דערפאר דאס מערקווירדיגסטע פאלק פון אלע פעלקער.

ווענען די פארשיעדענע פארמען פון די זעהר גוט לעבענס פערזיכערונגס פאליסעס ווענדעט זיך צו דער
The Travellers Life Assurance
Co Of Canada
Main 4314. Office 1109 C.P.R.
Building B. Seigler Manager

# א געלעקטשורטע דרשה :·: (לכבוד פורים)

### פון דר. מירגאראדסקי

(געהערט געקאפירט, געשיקט צום דרוק)

### פון א. ד. נלושאקאוו

רבותי! ליידים ענד דזשענטעלמען!

איך וועל מאכען מיין פורים'דיגע דרשה (אויב איהר גלייכט לעקטשורס, קענט איהר עס אנרופען — לעקטשור) קורץ ווי מעגליך, ביקאז איך זעה שוין ווי סע טריקענען אייערע ליפען, אייס דורשט נאך'ן ט ה י י ע ר ע ן מאהלצייט וועלכען איהר האט געוועהנליך געמאכט לכבוד פורים! — געקאכטע פאטייטעס אין א געבאקטע צעבעלע... (דער עולם זיפצט...) איך בין ניט שור אז אלע האבען געהאט אזא ט ה י י ע ר ע ן מאלצייט. באט די מאוסט יודען, האבען געוויס לכבוד פורים געאפפערט דיעזען גרויסען אפפער, אום חס ושלום דעם יום טוב ניט פערשטערען... אלזא, איך הייב שוין אן אליין רעדען צום פונקט; ביקאז איך גלייך ניט אז יענער זאל מיר מאכען „א פאינט או ארדער"! די טהעמא פון מיין געלעקטשורטע דרשה בעשטעהט פון עטליכע נאמבערס, נאראגראפס, וכדומה... נעמליך:

1) צו די וועלט וועט קומען ווען עסיז צו אזא הויכע מדרגה פון ציוויליזאציאן — מ'זאל קענען „טשענדזשען" דעם פורים אויף א זומערדיגער צייט'?...

2) און אז יא, וואס וועלען מיר פראפיטירען פון דעם?...

3) און ווי באלד מיר רעדען שוין פון פראפיטען, איז כדאי צו וויסען דעם נאמבער. —

4) וואס פאר א ביזנעס זענען דאס א מאהל געווען, וואס די היסטארישע מגילה דערצעהלט אונז, און מיר בעטראכטען עס פאר א נס און מיר זאגען „ועל הנסים"?

5) און וואס עס שטעקט דער נס פון אמאהליגע ביזנעס?„

איך האף רבותי! ליידים ענד דזשענטעלמען! אז איהר וועט זיין וואכענדיג... און מיך וואטשען גוט איך זאל נישט פערטשענדזשען די „נאמבערס" פון מיין אויסגעשטעלטער פראגראם אין דער טהעמא פון מיין „געלעקטשורטע, דרשה" ביקאז, עס קען נאך ווערען א פוטאניען א מישמאשיגע דיסטאורן...

הכלל, צום נאמבער — 1 — צו די וועלט וועט קומען ווען עסיז צו אזא הויכע מדרגה פון ציוויליזאציאן — מען זאל קענען „טשענדזשען" דעם פורים אויף א זומערדיגע צייט?... — איז מיין ענטפער אויף דעם קורץ און גלאט: נעווער! קיינמאהל! ניקאגדא!... ווייסט איהר פארוואס? ווייל עס געפינען זיך צווישען אחינו בני ישראל אזעלכע ביזנעס־לייטע, ספעקולאנטען, וואס ספענדען גאנצע „מאטניאס" מיט געלד, און דריקען אב מיליאנען לוח'ס אויף יאהרען און יאהרען אין אדוואנס...

פרעג איך אייך; — ווער וועט דאס האבען א הארץ, צו נעהמען „פעסען" אזא זאך, עס זאל ארויסקומען א שאדען פאר אידען?... פערגעסט ניט, מיר זענען דאך אידען! (אפלאדיסמענטען) אזוי געהט דורך א יאהר נאך א יאהר, א דור נאך א דור, פיעלע מענשען, „אינפארמירטע ארטאדאקסען"! האבען געדענקט, און דענקען היינט אויך עס צו טוהן, נאר עס האלט זיי אפּ מיין נאר וואס געזאגטער פאקט... יעצט צום נאמבער —

2) און אז יא (ד. ה. אז סע וואלט אונז יע געלונגען צו „טשענדזשען" די פורים'דיגע צייט) וואס וואלטען מיר פראפיטירען פון דעם?... אה! מיינע ליעבע ליידים! און גוטינקע דזשענטעלמענישע רבותי! מיר וואלטען פיעל זעהר פיעל פראפיטירט!... איהר ווייסט דאך יד טעג; און וואכען פונ'ם זומער, פונ'ם „אידישען זומער" מיין איך... דען א אידישער זומער איז להבדיל נישט קיין גויעשער! פון דעם פריהליידיגען פסח! ביז דעם הערסט'גען אומעטיגען יום טוב! (בלעבען פון זינגען ארויס, אט ווען מען בלאזט.) די שעהנסטע צייט פונ'ם יאהר! דעם גאנצען שעהנעם זומער, זענען מיר יודען אויף צרות!... (אלע זיפצען) זיבען וואכען צעהלט מען ספירה.. דריי וואכען קלאגט מען אויפ'ן חורבן... 9 טעג, קען מען אפילו קיין ישטיקעל סטייק אין די אויגען ניט זעהן... נאכהער פיער וואכען בלאזט מען, אזא עס ווערט א שוידער אויפ'ן לייב.. קיין „גוד טיים" האבען מיר ניט אינ'ם גאנצען זומער!.. אבער ווען אזא פרעהליכער יום טוב פורים פאלט אריין אין מיטען די אלע פריידלאזע טעג.. וואלט דאך טאקע זיין א געוואונשטער גייסטיג־קערפערליכער פראפיט!.. יו אנדערסטענד? (א געלעכטער וואס פערוואנדעלט זיך אין א לאנגען געגעניץ..) יעצט, קומען מיר צו צום סאמע תוך! די „סענטץ" פון מיין געלעקטשורטע דרשה!... און דאס איז —

אז מיר רעדען שוין פון פראפיטען איז כדאי צו וויסען — וואס פאר א ביזנעס זענען דאס אמאהל געווען, וואס די היסטארישע מיגלה דערצעהלט אונז, און מיר בעטראכטען עס פאר א נס און מיר זאגען „ועל הנסים"?

אלזא, הערט און שטוינט! ווי איהר ווייסט, זענען שוין אונזערע אידעלאך אזוי „איינגעטרייעט" פון יאהרען און יאהרען לאנג... אז יעדע זאך, פון וואס מען הויבט נאר אן פיהלען א וועהטאג, אן נשמה, אדער אין גוף... האבען מיר אן אלטע און גוטע מ ע ד ע צ י ן... און דאס איז — פון איין זייט, געלד, פון דער צווייטער זייט, געלד, און אין מיטען א מ ט מ ו ן; מען מאכט עס א „סענדוויטש" און מען זאגט: כן עשה".. אזוי האבען אונזערע אבות געטהון אין א עת צרה... הלל! לויב און דאנק גאט אידעלע! וואס מען נעהמט נאך אונזערע געלד... זאל דאס געלד זיין פאר אונז די כפרה!...

איך וואלט אייך געבראכט פיעל, פיעל „היסטארישע" פאקטען, וועגען די „לא יחרץ געלד"... „שוחד געלד"... און „כפרה געלד"... און צוריק שמועסענדיג לאמיר זיך נישט נארען, ווי זאגט די גמרא: „כלנו חכמים"! מיר זענען דאך אלע איינגעוואנדערטע פון יענער זייט ים. „כלנו יודעים" — מיר ווייסען אונגערעג קען נאך אלע מסתמא די נעמען פון יענע שיפען וואס האבען אונז געבראכט אהער.

ווייסט איהר דאך געוויס וואס דארט טהוט זיך מיט די אידען און מיט זייערע געלד... איך וויל אייך נישט מאריך זיין, ביקאז איך זעה ווי איהר בעלעקט שוין מיט'ן פערטרוקענטע ווייסען ציינג די בלוטלאזע ליפען... געוועהנליך, נאך אזא טהייערען יום טוב'דיגען מאכל — ציעבעלע מיט פאטייטעס... דורשט זיך מסתמא... (א הוסטענדער לאבען) מיט איין ווארט, דאס איז שוין אלעמען בעוואוסט, אז — „הקול קול יעקב"!,

יעקב, קען נאר בעטען, שרייען דורך טרעהרען — נעהם בעסער צו ביי מיר מיין געלד!... אבי לאז מיך כאטש צו רוה. „והידים ידי עשו" — און עשו האט צוויי געזונדע לאפעס! מיט איינער נעהמט ער דאס „שוחד געלד" און מיט דער צווייטער לאפע, גיט ער יעקב'ן איבער'ן פיסק:

— שריי ניט אזוי הויך'!...

ער האט נערוועזן... הייסע בלוט... — אזוי איז שוין דער „סדר העולם".. און ווי איהר ווייסט, איז עמלק, נישט בעסער פון עשיו'ן!... איין שווארץ יאהר אויף זיי ביידען!... (רוישענדע אפלאדיסמענטען) און המן, דער מגילה'נער המן! איז דאך אן אמת עמלק! אזוי פון די ריכטיגע... און די מעשה ווייסט איהר דאך ווי ער האט געוואלט דעם מלך טפש, אחשורוש'ן מיין איך, אריינשטופען אין לאפקע א גאנצע מאטניא מיט געלד!... „לא יחרץ" געלד הייסט עס, אחשורוש זאל זיך מאכען בלא ידע, חם'עוואטע, און המנ'קע זאל טוהן לויט זיין „פראוואסודיע", „דזשאסטיעס" מיין איך, אדער ווי מיר רופען עס — יושר... נו, טא פרעג איך אייך, ווי קומט צו אן עשיו, די אן עמלק, אזא אידישע לאגיק — „לא יחרץ געלד"! „שוחד געלד"?!... ווי קומט ער, המנ'קע צו אזוינע מאנקי ביזנעס?

יעצט, לעגט זיך שוין אויפ'ן שכל, וואס מיר דארפען זאגען: „ועל הנסים" ביקאז, עס איז טאקע נישט מעהר ווי נסים! א גוי מיט גויאישע געפיהלען, מיט גויאישער רציחה!.. און מיט אידישער לאגיק.. בענוצט די אלטע אידישע „מעדעצין"... — הקול קול חמן! ער בעט זיך ביים קעניג אחשורוש ווי א איד, מיט א מאטניא.. פערשטעהט איהר שוין רבותי! ליידים ענד דזשענטעלמען! ? אט אין דעם שטעקט דער נס פון די מגילה'דיגע ביזנעס.. וואס פאר א מאראל קען אבער אונז בלייבען פון דעם? אז אזוי ווי עס איז שלעכט, אז א איד האט א גויאישע קאפ!.. אזוי איז נאך ערגער ווען א גוי האט א אידישע קאפ!.. (זעהר שטארקע אפלאדיסמענטען)

יעצט, מיינע רעספעקטפולע צוהערער! האט אייך א פרעהליכען פורים! א זיסען פורים! קויפט בעסער קענדיעס, איידער ציבעלעס... (אלע לאבען באלעקענדיג זיך דער לעקטשורער ווישט דעם שוויים..)

# רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר

(מגלת אסתר).

### פון פ. בורסקי.

רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר. אט מיט די ווערטער האט זיך מרדכי געווענדעט צו זיין קעניגליכער פלימעניצע ווען די לעצטע האט אנגעגעבען אן אורזאכע ווארום זי קען ניט קומען פאר אחשורוש'ן אום צו בעטען גנאדע פאר איהר פאלק, אויב דו ענטזאגסט זיך צו געהן צום קעניג, דאן זיי וויסען אז דו וועסט אום קומען אבער דאס פאלק וועט זיין גערעטעט. ווארום דאס אידישע פאלק קען ניט אומקומען ווייל רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

ווען דאס אידישע פאלק איז ארום גערינגעלט מיט צרות פון אלע זייטען, ווען דער איד שטעהט אם העכסטען גראד פון פערצווייפלונג, ווען דער איד ווערט געברענט און געבראטען פון זיינע פיינגער. פערלייריגער, פערפאלגער, אויסלאכער און אנטיסעמיטען. ווען דער איד איז אם טויטה, ווען דעם אידען ווייזט זיך אויס אז זיין ענדע איז שוין נאהענט, אז זיין שונא וועט ענדליך טריאומפירען איבער איהם און וועט איהם איינשלינגען, פערניכטען און צושמעטערען דאן ווייסט דער איד און פיהלט אז רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

ווען די אידען פערפאלגער פאדערען אז ער זאל זיך שמדן, אז ער זאל אויפגעבען זיין גלויבען, אז ער זאל פערשפאטען זיין תורה ער זאל זיך אבזאגען פון זיין גאט, אדער ער זאל פערלאזען זיין לאנד און געהן וואנדערען אין גלות דאן קלייבט דער איד אויס דאס לעצטע, בעסער געהן אין גלות ווייל דער איד ווייסט און פיהלט אז דאס וואנדערען וועט איהם ניט אומברענגען און דאס וועט איהם ניט מאכען נידעריגער ווי ער איז און ער וועט אויך אויף ווייטער, עקזיסטירען, ווייל רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

און זיין לאנגען וואנדערען אין גלות אין זיין טויזענדער יאהריגען קאמפף פאר זיין עקזיסטענץ האט דער איד געהאט אלערליי צייטען, אלערליי פעריאדען, ליכט און פינסטערניש פרייד און לייד זונען שיין און גדיכטע וואלקענס. וואס פלעגען זיך פערקלייבען אויף זיין הימעל. ניט נור פון אויסערליכע שונאים נור אויך פון אינערליכע שונאים וואס האבען געוואלט אונטערגראבען זיין עקזיסטענץ, פאלשע נביאים וואס האבען געפרעדיגט דעם אידען אז ער זאל זיך לאזען אסימילירען. דער איד האט זיך קיין מאהל ניט געלאזט פערפיהרען פון זיינע פאלשע נביאים, פעסט האט דער איד זיך אימער געהאלטען ביי זיין גלויבען שטאלץ האט דער איד אויסגעלאכט זיינע פרעדיגער, ווייל ער האט געוואוסט אז רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחרך אויך היינט אין 20־טען יאהרהונדערט ווערען מיר גענוג פערפאלגט; אבער מיר זיינען זיכער אז דיעזע שלעכטע צייטען מוזען זיך ענדיגען און רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

# 8 מענשען פערברענט אין אהאטעל

וואנקאווער ב. ק. מערץ, 6.

אין א פייער וועלכער האט אויסגעבראכען אין דעם קאקואלא האטעל אין דעם שטעדטעל האופ, אכט מייל פון וואנקואווער, זענען פערברענט געווארען אכט מענשען. אין דער צייט ווען דאס פייער האט זיך אנגעפאנגען האבען זיך דארט געפונען 30 מענשען. און מיט גרויס שוועריגקייט איז געלונגען די 22 מענשען זיך ארויסצוראטעווען אין זייערע נאכט קליידער. מאנכע פון די געסט האבען געמוזט ריזיקירען מיט זייערע לעבענס שפרינגענדיג פון די פענסטער.

דער האטעל איז געווען א הילצערנע געביידע און האט דערפאר זעהר שנעל אבגעברענט.

ס. נרייזמאנס
ניו־יארקער כשר ווארשט
סטאר און דעליקאטעסען
האלסייל און ריטייל
קאנטרי ארדער דעליווערט. 70—72
טשעסנאט סט
מאן מיין 6203

ס. מילער
124 קינג סטריט וועסט
טעלעפאן אדלייד 2479

12 יאהר אין איין פלאץ איז א גענוגענדע גאראנטיע
לעזט וואס מילער פון קינג סטריט האט צו זאגען:

אלע וועלכע האבען ליעבער טראגען א ריכטיגען סטיילישען סוט, וואס איז אמת גוט געמאכט, ווייסען ווער מילער דער שניידער איז, און זיינע אלע פריינד און קאסטימער דארפען וויסען

אז מילער האט יעצט געמופט
פון 136 קינג סטריט וועסט צו 124 קינג סטריט וועסט

בלויז זעקס טיהרען ווייטער און איהר טרעפט אריין אין זיין ריכטיגען פלאץ, אין דעם פלאץ וואו די בעסטע סוטס ווערען געמאכט.

נעהמט עס אין אכט, ווייל יעצט איז פאר פסח, און אויב איהר ווילט נאך אייער סוט אויף פסח, מוזט איהר קומען בייצייטענס.

S. MILLER 124 King St. W.

יאָלעס-עס
ספרינג אפענינג
סייל
פון בייבי קערעדזשעס און גא-קארס



מר. יאלאס איז יעצט צוריק געקומען פון די „סטייטס" וואו ער האט געקויפט עטליכע קאר לאטס בייבי קערידזשעס און גאו־קארס, און איז דערפאר אימשטאנדע צו פערקויפען ביליגער ווי אנדערע.

וואַרט נישט ביז דער לעצטער וואך פון פסח, אויפצופיקסען אייער הויז, ווייל דאמאלס זענען מיר שטארק ביזי, און איהר קענט ווערען דיסאפוינטעט צו קריעגען אייער פארניטשור אין צייט.

דערפאר גיבען מיר אייך דאס געלעגענהייט צו קויפען פרישע און גוטע
פורניטשור
אויף גרויסע רעדוצירטע פרייזען

פארלאר סעטס פאר פסח

פון די בעסטע מאהאגאני פרעמס. בעסטע סילק און טעפעסטרי קאווערינג.
פרייז 24 דאלאר און העכער

ווייסע ענעמאל בעטען
סקווער פאוסט מיט פערשידענע פענסיע אויסארבייט. די בעטען קען מען נישט קריגען נאר ביי ל. יאלעס.

פרייזען זענען זעהר רעדוציר צוליעב פסח

מיר האבען בעקומען א גרויסען אויסוואהל פון אידישע רעקארדס געזונגען ביי די בעסטע חזנים געמליך קווארטין, סיראטא, ראזענבלאט וואלף, און אויך פון די בעסטע פערשידענע אקטיארען, קומט איבערצייגט אייך, מאכט אייער היים לוסטיג צוליעב פסח, ווייל יעצט קענט איהר בעקומען א גרויסען אויסוואהל פון די בעסטע סארטען.

אלע טאראנטאר אידען ווייסען אז ביי יאלעס'ען צו קויפען פארניטשור איז אן ענוג יום טוב און מיר פערקויפען ביליגער ווי איבעראל, און אונזער סטאר קריגט איהר דעם אויסוואהל ביליגער ווי אנדערשוואו.

מיר גיבען אייך פורניטשור אויף קליינע איינצאהלונגען און נאך קלענערע אבצאהלונגען

קעש אויב איהר האט
קרעדיט אויב איהר פערלאנגט

אויפמערקזאם
צו די פערזאנען וואס פאהרען אוועק פון ט א ר א נ ט א, איך האב יעצט עקספיריענסד מענשען צו פאקען און קרעטען פורניטשור אונזערע פרייזען, זענען ביליגער ווי איבעראל טעלעפאנירט עדעלייד 1345
און אונזער מענש וועט אייך גלייך געבען א זעהר ביליגען פרייז

YOLLES
379-81 Queen West Tel. Ad. 1345

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
251-253 Queen Street West
Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 2c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

# מתנות לאבינים

,,בימים אשר נחו בהם היהודים מאיביהם והחדש אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב לעשות אותם ימי משתה ושמחה ומשלח מנות איש לרעהו ומתנות לאבינים.''

די יעניגע, וועלכע האבען די מגלה היינט געהערט אדער ניט געהערט, פארלעזען וואלטען וועגען דיעזען פסוק, וועלכע געפינט זיך אינ'ם נײנטען קאפיטעל געמעגט א טראכט געבען, און א טראכט געבען היינט, ווען מען פיהלט זיך אין א יום טוב'דיגער שטימונג, ווען מען פרעהט זיך מיט דעם אמאליגען נצחון.

ביי קיין פאלק געפינען מיר ניט, אז אין די פארשריפטען וועגען דעם ווי אזוי אבצוהיטען די פאלקס־יום טובים זאל זיך איך געפינען זיך זעלבסט משמח זיין, נאר מען דארף אויך זעהן, אז אנדערע זאלען זיך קענען פרעהען. אז אלע זאלען זאט זיין אין דיעזען פאלקס יום טוב טאג. דאס אידישע הארץ אבער, וואס איז פול מיט רחמים און צדק, האט דאס ניט געקענט פערבייגעהן, און אונז ערמאהנט אין אונזער חוב, אז מען דארף דעם טאג געבען ,,מתנות לאבינים''. העלפען יענע אומגליקליכע, וועלכע קענען זיך זעלבסט ניט העלפען, וועלכע זענען אהן דער דערלאנגטער הילף הילפלאז.

דער מענשליכער ארגאניזם, בעזיצט די פעהיגקייט ניט נאר צו בעגרייפען בילדער, ווען מען זעהט זיי מיט די אויגען, נאר דער מענש קען זיך אויך די בילדער פערשאפען, און דורך זיי בעגרייפען די ווירקליכקייט. א געשאפען בילד איז ניט תמיד קיין פאנטאזיע, נאר פיעל מעהר א שטיק רעאליטעט. און צו שאפען א בילד, דארף מען ניט נאר א מאלער זיין, נאר דאס קען יעדער איינער פון אונז אפילו אהן פענזעל און פארבען. אמת קיין אנדערער וועט ניט קענען זעהן דאס בילד, ווייל דאס בילד וועט זיין אן אבסטראקטעס וועזען, דערפאר אבער וועט די אייגענע נשמה און הארץ עס גוט זעהן, פיהלען און בעגרייפען, און דאס איז דאך דער גאנצער צוועק.

צוויי בילדער, — איינע א גליקליכע און צופריעדענע היים, א יום טוב'דיגע שטימונג, א פרעהליכע פאמיליע, א געגרייטער טיש, דאס קלייבען זיך צו דער פורים־סעודה. אזא היים האבען היינט נאר גאנץ וועניג אידען. דאס צווייטע געשאפענע בילד דערצעהלט אונז פון א גאנץ אנדער היים, א היים א צושטערטע, א היים וועלכע ליעגט אין חורבות, א פאמיליע וועלכע האט שוין לאנג קיין געגרייטען טיש ניט געזעהן, א פאמיליע וואס איז צוריסען געווארען און פערשפרייט איבער פערשיעדענע ווינקלען פון דער ערד, א פאמיליע, פון וועלכער יעדער מיטגליעד בעט אויף זיך דעם טויט, אלס די בעפרייאונג פון דעם אויסטרעגליכען פיין — דאס איז היינט דער צושטאנד פון דעם רוב פון אונזער פאלק, אין וועלכען קריעגס־לאנד זיי זאלען זיך ניט געפינען.

קענען מיר, וועט איהר עס קענען, זיך זעצען צום טיש, וויסענדיג, אז דאס בלוט פון אייער בלוט, דאס פלייש פון אייער פלייש ליידעט, הונגערט, דאנקט און גוסס'ט?

,,ומי משתה ושמחה'' קענען ניט זיין אהן ,,מתנות לאבינים''. און קיינמאהל איז עס ניט אזוי אמת געוועזען ווי היינט, זייט דעם גרויסען קריעג אונטער וועלכען אונזער פאלק געהט אויס אין בלוט.

פאר א יאהרען, פאר צוויי יאהרען, האבען מיר אויף דיעזען פלאץ דיזעלבע ווערטער געשריבען, גערופען פאר דער חוב־ערפילונג, וואס מיר דארפען ערפילען, און מיר ווידערהאלען ווידער דיעזען רוף.

פאר דעם לעצטען יאהר זענען די אומשטענדען ניט בעסער געווארען, נאר פיעל פערערגערט, און קיינמאהל איז די הילף אזוי דרינגענד ניט געוועזען, ווי זי איז היינט — זאלען מיר דאס אלע היינט געדענקען, אז ניט נאר דארפען די גליקליכע זיך פרעהען, נאר אז מען מוז אויך די שמערצען פון די ליידענדע לינדערען.

פאר א יאהרען האט דער היגער מלחמה הילפס־קאנפערענץ אנגעפיהרט א פורים־קעמפיין, און ער האט געבראכט גאנץ גוטע רעזולטאטען, מיר וויסען ניט די אורזאכען, ווארום אזא קעמפיין ווערט היי־יאהר ניט אנגעפיהרט, אבער דאס דארף ניט זיין קיין אבהאלט.

אין שוהל צו אין הויז, ביי א צוזאמענקונפט אדער איפ'ן גאס, טארען היינט די מלחמה קרבנות ניט פערגעסען ווערען. אזוי פיעל הילף ווי מעגליך מוז געשאפען ווערען — דאס איז אונזער חוב אלע טעג פון יאהר, און בעזונדערס היינט.

# פורים און דאס אידישע קינד

פורים, דער יום טוב פון די גרויסע האט אלע מאהל געהאט פיעל אנציהענדעס פאר'ן אידישען קינד, און די גאנצע סביבה, די מנהגים, און אלעס איבעריגעס האבען פיעל געווירקט פאר דעם, אז דאס אידישע קינד זאל צוגעבונדען ווערען צו זיין פאלק.

דא פעהלט פיעלעס פון דער אלטער וועלט, וועלכעס זאל דאס קינד צום פאלק צובינדען, און פיעלע כוחות ארבייטען נאך פאר זיין אברייסונג און ביי דער געלעגענהייט מוז דארום אויסגענוצט ווערען צו פערשטארקערען די פעדים, צווישען דאס אידישע קינד און זיין פאלק. אזא'נע געלעגענהייט זענען די אידישע יום טובים, און יעדער נאציאנאלער און פאלקס יום טוב דארף פאר דעם בענוצט ווערען צו צוציהען דאס אידישע קינד צום אידישען פאלק.

דאס קען אבער קיינער ניט אזוי טהאן ווי די עלטערען פונ'ם קינד, און דער פורים טאג איז זעהר פאסיג דערצו. דאס פיעלע פאנטאסטישע ארום יעדען פאלקס יום טוב גיט די מעגליכקייט דאס קינד לייכט צו פעראינטערעסירען אין דעם.

# חרבונה

## (א ביסעל פורים פילאסאפיע און א גאנץ יאהר)

— פון —

### א. ל. לעווינסקי

און הגם איך האב חשבונות מיט מרדכי'ן און אסתר, און הגם איך האב טענות ומענות און בין גלאט ניט קאנטענט מיט זייער פיהרונג פאר און נאך דער געשיכטע מיט המנ'ען; אלענפאלס איז ,,מרדכי דער איד'' ניט דער איד, וועלכען איך וואלט וועלען זעהען אלס ראש און מנהיג; און אויך אסתר, ניט קוקענדיג אויף מיין גאנצער סימפאטיע צו איהר, אלס אסתר, איז ניט די אידין, וועלכע איך וואלט וועלען זעהען צו האבען א ווירקונג אויפ'ן שיקזאל פון אונזער פאלק, — אבער דאך בין איך מסכים צום ,,ארור המן'', און בין אודאי מסכים צום ,,ברוך מרדכי''.

איך בין מסכים צום ,,ארורה זרש'' און געוויס, טויזענד מאל געוויס, בין איך מסכים צום ,,ברוכה אסתר'', איך קען אבער ניט מסכים זיין מיט'ן ,,וגם חרבונה זכור לטוב''.

ליידען קען איך ניט אט דעם הער, דעם אויסגעגלעטעטען און אויסגעפרעסטען הזשענטעלמען, וואס האט א גוטען חוש הריח צו וויסען פון וואנען דער ווינד בלאזט, וואס איז גוט אי מיט המן אי מיט מרדכי, וואס קען חנפ'ענען יעדען אין צייט און געבען אן עצה אין צייט.

און איך ווייס ניט, ווען איז ער געווען העסליכער, צי בשעת ער איז געזעסען אין דער קאמפאניע פון המן מיט זרש זיין ווייב און אלע זייערע מקורבים און האט זיי גע'עצה'ט צו מאכען פאר מרדכי די תליה 50 אמה הויך; אדער נאכדעם, ווען ער האט געזעהען המנ'ס מפלה, און ווען דער מלך איז אויפגעשטאנען אין כעס פון טיש און איז אוועק אין גארטען, און ווען המן האט אנגעהויבען בעטען זיין לעבען, איז ,,האט חרבונה געזאגט... אט איז די תליה, וואס המן האט געמאכט פאר מרדכי, וועלכער האט גוטעס געזאגט וועגען דעם מלך''....

דארט אין המנ'ס געזעלשאפט, האט ער גערעדט וועגען דעם ,,זשיד'' מרדכי, פאר וועלכען עס איז קיין בעסערע תרופה ניטא, ווי די תליה, און דא, ווען ער האט ערשמעקט, אז מרדכי'ס שטערען הויבט אן צו שיינען — איז: ,,מרדכי, וואס האט געזאגט גוטעס וועגען דעם קעניג''...

און, ווי העסליך, ווי אפשטויסענד עס זיינען אט די דאזיגע הערען!

און נאר אין די צייטען פון א מלך טפש, ווי אחשורוש, איז מעגליך געווען דאס שפראצען, וואקסען און בליהען פון אזא ,,טייערער פרי''; און נאר אין זיינע צייטען, ווען די פרתמים, און די לאנדהערשער זיינען דורך אויס, געווען אין גאנצען ניט פעראנטווארטליך צום פאלק פאר זייערע טהאטען און פיהרונגען — איז מעגליך געווען, אז אזוינע אונטערלעקערס, קארליקעס זאלען האבען אן איינפלוס אויף דער אויסערליכער און אינערליכער פאליטיק. —

און וואס פאר אן אונגליקליך פאלק מיר זיינען, אז אזוינע הערען זיינען געווען (אין איינציגע מדינות זיינען זיי איצט אויך) די בעלי־בתים פון אונזער מזל, צו גוטען אדער צו שלעכטען!

זאל אונז גאט אפהיטען פון אזוינע פריינד!

וואר איז שייך זאגען — המן איז געוויס געווען א כלב שבכלבים, ימח שמו וזכרו, פערשאלטען זאל ער זיין מיט זיין גאנצער משפחתא, און איך וויל וועגען איהם און פאר איהם קיין גוט ווארט ניט זאגען, אבער מען מוז דעם אמת זאגען, אין זיין שנאה צו אונז זיינען דא סמנים פון אריסטאקראטיזם, ער איז, צו א געוויסען גראד, געווען הויך אין זיין שנאה, און ער האט זיך ניט ערנידעריגט צו קלייליכקייטען פון זידלעריען און שמוצערייען. ער האט זיך ניט בעמיהט ווי אנדערע שרים אין אנדערע מדינות, צו שענדען די אידען און אידישקייט, צו מאכען זיי מיט דער ערד, צו ווארפען אין זיי געמיינהייטען, צו בעשפייען זיי. ער האט ניט געזאגט, אז עס איז דא א פאלק צוזייט און צושפרייט צווישען אנדערע פעלקער, ביי וועמען די דינים זיינען ערגערע, ווי ביי אלעמען, אז זיי איז מותר צו גנב'ענען פון פרעמדע פעלקער, צו בעגזלע'ן זיי און צו פערגיסען זייער בלוט, — צו אזוינע ליגענס האט זיך ניט ערנידעריגט אחשורוש'ס פרעמיער. ער האט נאר געזאגט, אז עס איז דא א פאלק, צוזייט און צושפרייט צווישען פעלקער און זיינע דינים זיינען אנדערש ווי ביי אלעמען. עס איז ניט די פראגע, אויב זייערע דינים זיינען גוט אדער שלעכט, אפשר זיינען זיי גוט, דער עיקר אבער איז וואס זיי זיינען אנדערש, און לויט המנ'ס פערשטאנד, האט א פאלק וואס איז צוזייט און צושפרייט צווישען אנדערע, קיין רעכט, אז זיינע דינים זאלען זיין אנדערש... און ווי דאס פאלק איז נאך עקשנות'דיג און האלט דווקא פון זיינע דינים, ברענגט עס א צומישונג אין דעם מלך'ס געזעצען, און דעם מלך איז ניט כדי זיי איבערצולאזען...

אט די מסירה איז אפשר טיעפער, סיסטעמאטישער און אפשר געפעהרליכער פון די העסליכע מסירות פון די פערשיעדענע ,,המנ'ס'', וואס ווארפען שקרים אויף דער אידישער רעליגיאן... אט די מסירה איז דאס לעצטע ווארט פון דעם וויסענשאפטליכען אנטיסעמיטיזם וואס בעריהמט זיך מיט זיין ,,וויסענשאפטליכען באזיס'', אבער זי איז שענער פון די מסירות פון די טויזענדער ,,המנ'ס'', וואס זיינען געקומען נאכדעם און האבען אויסגעטראכט אויף אונז און אונזער אמונה העסליכע, שענדליכע בלבולים..

און נאך א מעלה האט דער צורר געהאט, ער איז ניט געווען בעהאלטען אין זיין שנאה. ער האט ניט פערבארגען אונטער'ן צונג, וואס ער האט פערמאגט אויפ'ן לונג. ער האט זיינע שרעקליכע מעשים געטהאן אפען. ער האט זיך בעמיהט ארויסצובעקומען א בעפעהל צו אומברענגען, אויסצוהרג'נען אלע אידען, אבער ער האט זיך ניט בעהאלטען מיט זיין שתדלנות, און מרדכי האט געוואוסט אלץ, וואס איז געטהאן געווארען, ער האט אויך ניט געגרובט ביי די אידען די פערזאמלונגס־פרייהייט: מרדכי האט פערזאמעלט אלע אידען און מען האט זיך אן עצה געהאלטען, ווי צו פערמיידען דעם אומגליק. ער, המן, האט ניט געגרייט קיין פאגראמען אין דער שטיל אנצופאלען פלוצלונג אויף דעם פאלק, געגען וועלכען ער האט הארץ געטראגען. ער האט אפילו בעשטימט פון פריהער דעם טאג פון די פאגראמען, און דער בעפעהל איז ארויסגעגעבען געווארען אין שושן דער קרוישטאדט. ער האט ניט אויפגענומען קיין דעפוטאציעס פון דעם פערהאסטען פאלק און האט זיי ניט צוגעזאגט זיין הילף און אין דער זעלבער צייט ארויסשיקען זיינע שלוחים אנצוהויבען דעם פאגראם.. בקיצור, ער איז געווען אן אפענער המן. און בעסער פאר אונז אזא המן, ווי א צורר א דיפלאמאט, וואס גרייט פאגראמען אין דער שטיל...

המן איז געווען קלוג, ער האט געוואוסט און פערשטאנען, אז מיט א מלך ווי זיינער, וואס איז געווען ביי איהם אין האנד כחומר ביד היוצר, האט ער ניט געדארפט פראווען קיין איבעריגע צערעמאניעס, מיט אזא מלך האט ער גערעדט פשוט'ע דבורים, האט גלייך געזאגט: ,,אויב דעם מלך געפעהלט זאל ער בעפעהלען צו אומברענגען זיי''...

אין אונזער לאנגער געשיכטע האבען מיר ניט איין מאל געהאט אזוינע ,,המנ'ס'' וואס זייער מלך האט זיי דערהויבען ביז צום ערשטען ראנג, און אויך ניט איין מאל זיינען געווען מלכים, וואס האבען זיך, ווי אחשורוש, געפינען אונטער'ן איינפלוס פון די ,,המנ'ס''... זיי האט אבער געפעהלט המנ'ס אריסטאקראטיזם זיין אפענקייט, זיי האבען געוועבט אין דער פינסטער...

און דערפאר טאקע איז המנ'ס בייזער פלאן צו נישט געווארען, און זייערע פלענער — צו אונזער וועהטאג און אומגליק — ווערען אויסגעפיהרט.

המנ'ען האבען די אידען געקענט, זיי האבען געוואוסט פון זיינע שרעקליכע פלענער, זיי האבען געוואוסט, אז זיי דארפען זיך היטען, און האבען געזוכט מיטלען, און די מיטלען האבען טאקי געהאלפען, זיי האבען ניט געשיקט קיין דעפוטאציעס צו המנ'ען אליין, צו בעטען זיך ביי איהם... און דאס איז זייער עהרע, זיי האבען געזוכט וועגען גלייך צום מלך. מיר וויסען איצט ניט, וואס זיי האבען בעשלאסען און אנגענומען אויף זייער ,,קאנווענשאן'' אין שושן, אבער געוויס האבען זיי אנגענומען געוויסע רעזאלוציאנען.. דער איד פון דאמאלס, אין די צייטען פון מרדכי און אסתר, האט געוואוסט פון עהרע, ער האט געוואוסט זיין ווערטה, דער גלות האט נאך ניט פערניכטעט זיין שטאלץ, און ער האט זיך געהאלטען, אלס פרייער מענש פאר א פריינד און פיינד, איך בין גאר ניט מסכים מיט מרדכי'ס פאליטיק, מיר געפעלט אבער זיין האלטען זיך מיט המנ'ען. ווען ער האט זיך דערוואוסט דעם אינהאלט פון דעם גרוזאמען בעפעהל, האט ער בעשלאסען צו משתדל זיין זיך ביים מלך אליין, אויך ביי די אנדערע וויכטיגע שרים, אבער ניט פאר המנ'ען — און אויסהערען פון איהם מוסר מיט הבטחות..

עס געפעהלט מיר אויך זיין הארבער לשון מיט אסתר'ן: אויב דו וועסט איצט שווייגען, וועלען די אידען אנדערשוואו געהאלפען ווערען, און דו מיט דיין פאטערס משפחה וועלען אומגעבראכט ווערען...'' איך בין זיכער, אז ווען איצט טרעפט אזא געשיכטע, און אז אונזערע און אסתר וואלט געווען אויפ'ן פלאץ פון אסתר בת אביגיל, — וואלטען מיר קיין מוטה ניט געהאט צו רעדען אין אזא לשון...

און ניט נאר מיט אזא גרויסער און שרעקליכער העלדין ווי אסתר המלכה, מיט א פשוט'ען אידישען גביר, מיט א אידישען אדיר, וואלטען מיר אזוי ניט גערעדט, און צייט מיר טהוען די הייליגע נאציאנאלע ארבייט פון אויפלעבען דאס פאלק, האבען מיר נאך ניט געוואגט צו זאגען צו אונזערע גבירים און אדירים אויף א קול: ,,אז אויב איהר וועט איצט שווייגען, ווען די ארבייט איז מעגליך און ווען די האפנונג איז נאהענט, און אויב איהר וועט אונז ניט העלפען, אז מיר זאלען קענען גרייכען אונזער צוועק, וועט אונזער ישועה קומען פון אן אנדער ארט, און איהר מיט אייערע קינדער וועלען אומקומען, קבורת־חמורים וועט איהר בעקומען, אייער נאמען און זכר וועלען פערגעסען ווערען, און אייער געלד וועלען אייערע זיהן פערשווענדען אויף פרויען, פערד און קארטען... אייער נאמען וועט אויסגעמעקט ווערען פונ'ם אידישען פאלק!

און אזוי דארף מען רעדען ניט צו אלע גבירים בכלל, נאר יעדען בעזונדער: ראובנ'ען, שמעונ'ען, לוי'ן און א. וו.

מיר האבען אבער נאך ניט זוכה געווען צו אזוינע דבורים, און אזוינע זאגערס זיינען ביי אונז ניט געבארען געווארען.

און דאמאלס האבען זיך יא געפונען אזוינע זאגערס און זיי זיינען געקומען צו אסתר'ען און האבען איהר געזאגט, און.. ,,די מלכה האט זיך זעהר דערשראקען''.

און עס איז פערשטענדליך ווען מען קומט צו א מענשען און מען רעדט צו איהם קלארע דבורים: ,,אויב דו וועסט איצט שווייגען וועט א ישועה קומען פון אן אנדער ארט, און דו מיט דיין משפחה וועלען אומקומען'' — דערשרעקט מען זיך. ,,אומקומען' איז א הארב ווארט, און מען שרעקט זיך פאר איהם.. און אז מען שרעקט זיך, זוכט מען אן עצה, און אז מען זוכט, געפינט מען. בעזונדער, קען מען זיך אן עצה געבען געגען אן אפענעם שונא.

און אזא שונא איז געווען המן.

ערגער זיינען די ,,המנ'ס'' פון חרבונה'ס טיפ, וואס מאכען זיך פאר ליבעראלען, ווען מען דארף, און זיינען בעהאלטענע צוררים.

און אין אונזערע צייטען זיינען דער רוב צוררים פון חרבונה'ס שניט. דער טיפ איז א גאנגבארער און מען קען איהם בעגעגענען אין יעדער געזעלשאפט, אין יעדער בעוועגונג, צווישען שונאים און אפילו פריינד.

און אויך אין אונזערע בעוועגונגען זיינען דא געוויסע מענשען, וואס זיינען אסימילאטארען — מיט אסימילאטארען, ציוניסטען — מיט ציוניסטען, טעריטאריאליסטען — מיט טעריטאריאליסטען.

און אט די ,,חרבונה'ס'' זיינען א צרה פאר יעדער געזעלשאפט, פאר יעדער בעוועגונג, איך בין מוחל די אפענע אסימילאטארען, וואס זאגען, אז אונזער פאלק האט קיין האפנונג ניט אין ארץ־ישראל און ניט אין אנדער לאנד — חוץ אסימילאציע, דאס איז א ריכטונג — און זיי געהען אין זייער ריכטונג, אין זייער וועג. זיי מישען זיך ניט אין אונזער ארבייט און וועלען אונז ניט שאדען, איך קען אבער ניט ליידען די פערשמעלטע, וואס זיינען כלומרשט נאציאנאל, און ווען דער ציוניזם איז שטארק זיינען זיי אפילו ציוניסטען... אט די דאזיגע זיינען איצט און וועלען שטענדיג זיין פון די ערשטע צו ווארפען א שטיין אין ציוניזם..

אלזא, רבותי, מיר קעהרען זיך אום צו ירק:

איך בין מסכים מיט'ן ,,ארור המן'', ווייל ניט קוקענדיג אויף זיינע מעלות אלס שונא, איז ער געווען א המן, און דער הונט איז ווערט דעם שטעקען...

איך בין מסכים צום ,,ברוך מרדכי היהודי'' הגם ער האט ניט געכאפט קיין שטערען פון הימעל און האט קיין רעכטען בעגריעף ניט געהאט וועגען אונזער פאלק און וועגען אונזער לאגע אין גלות, האט ניט פערשטאנען, אז כל זמן מיר וועלען זיין צוזייט און צושפרייט צווישען פעלקער, זיינען מיר ניט זיכער פון קיינע המנ'ס און אלע רעכטע און אלע געזעצען ,,געשריבען און גע'חתמ'עט פונ'ם מלך'ס רינג וועלען ניט אפהאלטען, אז עפעס א נייער, המן זאל ערשיינען אויפן ביהנע...

איך בין אויך מסכים צום ארורה זרש הגם זי איז ,,גאט די נשמה שולדיג'': זי איז געווען א פשוט'ע און כשרע ,,אידענע'' וואס פאלגט דעם מאן. אבער מסתמא, איז זי, ווי יעדער ,,זרש'' אן ארורה און פערשאלטען זאל זי זיין.

און איך בין מסכים מיט ,,ברוכה אסתר'' הגם אלס מרדכי'ס תלמידה, איז זי געווען ניט גענוג ענטוויקעלט און, ווי ער, האט זי ניט פערשטאנען דעם גייסט פון איהר פאלק, און, ווי ער, האט זי זיך נאר בעגנוגנט מיט גלות'דיגע שתדלנות, מיט ,,גלייכבערעכטיגונג'' און האט ניט געהאלפען צו אומקעהרען איהר פאלק די ארץ אבות.

איך קען אבער ניט מסכים זיין מיט'ן ,,וגם חרבונה זכור לטוב'', חרבונה'ס נאמען טאר ניט דערמאהנט ווערען צו גוטען.

היט אונז גאט, פון די ,,חרבונה'ס... פון די ,,המנ'ס' וועלען מיר זיך שוין אליין אויסהיטען.

(אידיש פון י. העסטרין).

א פראפיטאבילער אינוועסטמענט
מיר האבען א פלאן מיט וועלכען אינוועסטארס קענען קריגען א פראפיט פון אכט ביז פופצעהן פראצענט אויף זייערע אינוועסטמענטס.
מיר וועלען מיט גרויס צופריעדענהייט אייך צושיקען אלע איינצעלהייטען אויפ'ן פערלאנג.
PLUMMER & CO.
STOCK BROKER
108 BAY ST. Toronto
פלומער און קאמפאני
סטאקבראקערס

# דער נס פון פורים

א מאנאלאג פון א שכור איבערגעגעבען

### פון ה. שטיעבער

איהר קוקט מיך אזוי אן, ווי איך טרינק איין גלעזעל נאך'ן אנדערען. איהר מיינט אז איך האב עס אזוי ליעב? חלילה.

אמת, טאקי איך האב עס ניט פיינט, ווארום אז מען נעהמט איינס נאך דעם אנדערען ווערט מען טאקי בגלופין, אדער זאל זיין ווי איהר זאגט — אביסעל שכורלאך, טא איז וואס? מה רעש? עלעהיי מען ווערט רייך פאר אביסעל צייט, אלץ ווערט ,,מיין'' דאמאלס, איך האב א היים, איך האב הייזער, איך האב מדינות. די גאנצע וועלט איז מיין. אבער ניט דאס בין איך אויסען דערמיט. איך האב עס נור ליעב ווייל דאס דערמאהנט מיך אינ'ם נס פון פורים.

איהר זאגט דאס אנטקעגען נסים, אבער א נס מיט א נס איז ניט גלייך. אלע קומען ניט אפילו צום קנעבעל פון פורים, און אפילו דאס ביסעל בראנפען פון פורים בעווייזט נסים.

און מיינט איהר אז איך געה דא איינרעדען א בבא מעשה, וואס איז ניט געשטויגען ניט געפלויגען, טא זייט מוחל, הערט מיך אויס, וועט איהר זעהען וואס פאר א נס עס האט ביי מיר פאסירט אין פורים און טאקי דורך'ן גלעזעלע משקה.

עס איז געוועזען אין די מהומה צייט ווען דאס חיל האט זיך געלאזען אין מלחמה. מיטן גרעסטען וואוטה צו בעפאלען דעם שונא. איהם מנצח צו זיין, און לויפענדיג אזוי, האט מען זיך אנגעשלאגען אן געוועלבליך אין הייזלאך און געמאכט פון אלעם א תל.

און וואס עס איז דערפון געווארען פרעגט איהר? וואס איז דען א נפקא מינה, מן הסתם אז עס איז דאך דער רצון הבורא, טא געהט פרעגט א שאלה, מען האט צוגענומען דאס ביסעל מעהל. דאס ביסעל קארען אויך מיר א דאגה אבי מען לעבט, און מאן דיהיב חיי יהיב מזוני, עס איז דאך נאריש, אז מען לעבט נאך — וועט מען האבען צו עסען.

און כך הוה, אזוי איז טאקי געווען, האט זיך איבערגעלאזען מיט וואס צו האנדלען, איז אנגעקומען א נייע פרנסה פון טרונק, דאס חיל האט זיך אנגעהויבען מאכען קוראזש און דאס גלעזעל האט געגעבען מסחור.

קיין פערדיענסט וואס דער אמת איז איז ניט געוועזען, ווארום מען האט געהאלטען אין נעהמען און ניט בעצאהלען; באר דאס אבער איז מען א שטיקעל יחסן געווארען. מען איז כאטש ניט געווען אזוי פיעל אין סכנה, פטור אן עסק, נא דיר א פלעשעל און לאז מיך אב.

און איך אליין האב אויך געהאט אזא שיינקעל, טאקי דאמאלס ערשט אריינגעגאנגען אינ'ם מסחור, עס איז א שמים זאך געווען. א ניט ווער ווייס וואס גם וואלט געווען, אפשר שוין אויף'ן עולם האמת מיט'ן ווייב און קינדער, א שפאס האט זיך דאס אבגעטהאן. געמימית'ט על ימין און שמאל, און אזוי בין איך פארט געוועזען א שטיקעל בעל יחסן, געהאט מיט וואס זיך אויסצוקויפען צום מסחור בין איך געקומען דורך א צופאל. אויך א נס דערביי געוועזען. מיינער א נאהענטער קרוב האט עס געהאט, א יונגער מאן פון די קעסט אוועק אריינגעלעגט דארט דעם גאנצען נדן, ניט געוואוסט מיט עפעס אנדערש צו האנדלען און דא האט ער שוין אפילו באלד געהאט דעם נדן פערלוירען אבער עס האט זיך געקענט ארויף ארבייטען.

אבער אין מיטען דערינען איז די מהומה אויסגעבראכען. מען האט איהם צוגענומען און ווי א שטיין אין וואסער — פערפאלען.

און די עגונה נעבאך קומט שטענדיג צו מיר צולויפען, זי האט שוין ניט פון וואנען צו לעבען, בין איך מיך מיישב, נעהם מיינע פאאר גילדען און לעג אריין אויף שותפות און מען וועט לעבען צוזאמען.

פלוצלונג קומט אן א בעפעהל אז מען טאר ניט פערקויפען קיין בראנפען, פון מיינע פאאר גילדען איז שוין לאנג גאר ניט געבליבען. חובות און אלע זייטע, און די פאאר פלעשלאך וואס זיינען נאך געבליבען איז ניטא וועמען אוועקצוגעבען יעדער וויל עס נעהמען אויף בארג.

דעם סוף ווילט איהר הערען? פרעגט בעסער ניט, דאס זעלבע ווי מיט אלע אנדערע אהן א בעט אפילו און אהן ברויט.

א פאאר מניעים זיינען געבליבען אין שטעדטעל פון א גרויסע עדה אידען און אלע צוזאמען האבען געהונגערט, און ביי מיר איז שוין אפילו קיין שטיקעל קארטאפעל ניט געבליבען.

און אזוי האבען זיך געדרוקט וואכען און חדשים, די נשמה האט זיך קוים געהאלטען ביי מיינע קינדער ביז עס איז פורים אנגעקומען; און דער נס פון פורים האט אונז געראטעוועט.

די מעשה דערפון איז אזוי געוועזען: תענית אסתר, די פאאר איבערגעבליבענע נאך קוים לעבעדיגע אידען זיינען מיר געקומען צום ,,ויחל'' אבער עס איז ניט דאס זעלבע געוועזען ווי אלע יאהר.

אין דערהיים איז קאלט גלויטשיג. ניטא וואס אין מויל צו נעהמען אפילו ניט אביסעל בראנפען לכבוד פורים, עס זאל אביסעל פרעהליכער ווערען אויף'ן הארץ, און דער עולם זיפצט אב.

דערמאהן איך מיך אז איך האב וואו בעהאלטען א פאאר פלעשלאך, איך זעה בעשיינפערליך אז דאס האט צו טהאן מיט'ן פורים. עס איז א נס געוועזען. א רפואה פאר די מכה, און זאג דאס אן דעם עולם די בשורה, און איך פערבעט זיי אלע בשתיקה א היים צו מיר.

מילא, וואס פרעגט איהר, וואס פאר פורים מען האט פערברענגט? עס איז שוין געווארען א יום טוב. מען האט געזונגען שושנת יעקב.

און מיך האט עס דערראטעוועט מיט'ן ווייב און קינדער. יעדער איינער האט עפעס געבראכט צו פערבייסען. דער א שטיקעל ברויט, אן אנדערער א קארטאפעל, א שטיקעל צוקער, און אזוי כסדר יעדען טאג דערנאך. אלע מאל האט אן אנדערער עפעס צו פערבייסען געבראכט און איך האב מהנה געוועזען מיט אביסעלע בראנפען.

אנטקעגען וואס איך זאג דאס? איך מיין עס אנטקעגען נסים. ניט אלע נסים זיינען גלייך און ניט אלע קענען זיך פערגלייכען מיט פורים.

איך האב ליעב דאס גלעזעל, עס איז אמת, אבער ניט חלילה ווייל עס איז בראנפען, נור גלאט אזוי, עס דערמאהנט מיך אן נסים און דעם נס פון פורים און ווער אזוי פרעהליך.

די נייע רעגיערונגס באנדס
וועלען ווערען ארויסגעגעבען דעם 12טען מארטש. זיי וועלען צאהלען א גרויסען אינטערעסט. אויב איהר ווילט וויסען מעהר איינצעלהייטען וועלען מיר אייך אייך געבען פריי.
A. ANGUS MACDONALD
רום 6530 סי. פי. אר. בילדינג
טאראנטא

פערקופיין, סאבאלט
און ניו־יארק סעקיוריטיעס
וועכענטליכען בריעף וועגען מארקעט
ווערט צוגעשיקט פריי אהן געלד.
אויף פערלאנג.
ROBERT E. KEMERER & CO.
108 Bay St.
(מעמבערס פון סטענדערט סטאק עקסטשיינדזש)
108 ביי סטריט — — טאראנטא

פערקיופיין גאלד קעמפ
די לעצטע אינפארמאציעס קענט איהר קריגען ווען איהר וועט זיך סובסקרייבען פאר דעם פערקיופיין הערעלד.
סויטה פערקיופיין, אנטעריא.
פרייז פאר קענעדע $1.50. פעראייניגטע שטאטען $2.80 א יאהר.

J. P. BICKELL & CO.
סטענדארט בענק בילדינג טאראנטא.
תבואה
קאטאן
סטאקס

פערקיופיין טיסטייל
א ספעקולירענדע פראפערטי וועלכע מיר גלויבען אז עס וועט זיין גוט, די איצטיגע פרייזען זאגען אן אז איהר דארפט גלייך קויפען
S. VICKERY & COMPANY
מעמבערס סטענדערד סטאק עקסטשיינדזש
סטענדערד סטאק עקסטשיינדזש בילדינג
56־58 קינג סט. וועסט
טאראנטא

די פרשנדתא געמיינדע
פאבלישערס.
א. דלפין
פרעזידענט

# דער פורים קוילעטש

א צייטונג וועלכע ערשיינט נאר, ווען מען עסט המן־טאשען.

א ריס און א ביס
איזווירקזאמער
ווי א קוש און א
קאמפלימענט:

פורים לאמיר זאגען פון יאהר תרע"ז. דאנערשטאג מערץ דער 8־טער 1917. פרייז 2 סענט אויב איהר האט.

## א יאהר טהעטיגקייט

א יאהר צייט איז שוין אוועק, זייט אונזער פורים קוילעטש האט צום ערשטען מאהל דערזעהן די ליכטיגע שיין.

א יאהר צייט, היינטיגע צייטען, מיינט זעהר פיעל, ובפרט, אין אזא פאפיער מאנגעל און יקרות.

אמת אונזער גאנצע עקזיסטענץ האלט אן פון אסתר תענית ביז פורים, אין גאנצען איין טאג, אבער וואו שטעהט עס געשריעבען, אז ער דארף דוקא ערשיינען אלע טאג. מוזען מיר דען אויף זיך נעהמען די אויפגאבע, צו בעזארגען די קרעמער מיט פאפיער אויף הערינג־פאקען.

א יאהר טהעטיגקייט, א יאהר, וואס מיר האבען קיינעם ניט דערקוטשעט, אויף קיינעם ניט אנגעפאלען, קיינעם ניט געזיהעלט, און קיינעם ניט געלויבט, שוין דאס אליין גיט אונז עקזיסטענץ בערעכטיגונג.

— וואלטען מיר ארויסגעגעבען אונזער „קוילעטש" יעדען טאג פון דער וואך חוץ שבת, וואלט דאך ניט מעגליך געוועזען, אז מען זאל יעדעס מאהל זאגען חכמות. אמאהל וואלט דאך על פי טעות, אויך א שטות פערבלאנדזשעט, און פאר דעם אליין, וואס מיר האבען זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן באדען אבצוהיטען דאס „ווערטהע פובליקום" פון נארישקייטען, פערדיענען מיר דאך א דרייפאכען הורא.

מיר קוקען צוריק אויפ'ן יאהר־טהעטיגקייט אונזערען, ווי אויף אן עפאכע־מאכענדער ערשיינונג, און מיט דעם פולען בעוואוסטזיין פון אונזער קלאס, שטאנד אדער וואס איהר זאלט עס ניט וועלען אנריפען, רופען מיר צו אונזערע לעזער: שוין צייט, צו ארראנזשירען א יובילעאום פאר אונז.

מיר האבען עס כשר פערדיענט, דערווייל, נאבאמאהל א דרייפאכער הורא פאר דעם „פורים קוילעטש".

## ניעס

## אן אבלאווע אויף די המן קלאפער

דער פראצעס וועט נאך געפיהרט ווערען אין א העכערען געריכט

(פון אונזער אידישען רעפארטער)

דעטעקטיוועס זענען נעכטען בעפאלען דעם גאנצען אידישען קווארטאל, ארום די שוהלען פון סענטער עוו. און טשעסטנאט סטריט און געזוכט די פעררעטהער וועלכע האבען געוואגט צו שלאגען המנ'ן, עטליכע פאליציי אמבולאנסען זענען ארויסגערופען געווארען, וועלכע האבען די פערברעכער אבגעפיהרט אין פאלים קאורט.

מעדזשיסטרייט דעניסאן האט ארויסגעגעבען זיין פסק דאס יעדער איד זאל דערפאר געבען שטראף פופציג סענט פאר די אידישע מלחמה קרבנות.

דזשארדזש קאהען האט אבער עדות געזאגט אז אידישע מלחמה קרבנות זענען ניט פערהאן, ער אנערקענט ניט קיין מאסען און קלאסען, דער רויטער קרייץ איז בילכער, ענטשיידען וועלען דארום דאס האבען די ריכטער פונם העכערען געריכט צו וועלכען פאנד דאס געלד זאל געהן.

## שניידער סטרייק האלט ביי געסעטעלט ווערען

מאנטרעאל. — אסתר תענית

(דורך אונטער וואסער שיפען)

(גלייך אין קוילעטש אריין)

מאנטרעאל איז בעגייסטערט, דער זיעג איז נאהענט, די גרענערס זאגען שיין אן די בשורה, אז א סעטעלמענט אין שניידער סטרייק קומט, די באסעס לויפען ארום ווי פערסאמטע. מעיאר מארטין האט אוועקגענומען די פאליציי פון אלע שעפער, אום צו האבען גענוג מענשען צו קענען בעשיצען המנ'ען פון די אידישע שלעגער. די סקעבס זענען דארום אריינגעפאלען אין ציטערניש און זענען גיך צו לאפען.

איינגע באסעס האבען שוין טעלעפאנירט צו דער יוניאן ווענען א סעטעלמענט.

## גרויסע שלאכטען אויף דער גאנצער לענג פון צפון פראנט

ספעציעל צום פורים קוילעטש פון איהר אייגענעם קריעגס קארעספאנדענט גענעראל מאיאר שמואל מאיר

א לעבעדיגע טהעטיגקייט איז צייט די לעצטע צוויי וואכען אנגעגאנגען אויף דער גאנצער לענג פון פראנט וועלכער ציהט זיך פון 194 בעווערלי סטריט ביז 348 ספעדיינא עוועניו.

ביידע צדדים האבען שטארק בעפעסטיגט זייערע פאזיציעס, און דער לופט האט געשמעקט מיט פולווער.

די גענעראל שטאבען פון ביידע צדדים האבען ארויסגעשיקט פאר־פאסטען און לופט שיפען אויסצוקוקען די פאזיציעס, אזוי אז מען האט זיך גוט צוגעגרייט.

די ערשטע אטאקע איז געמאכט געווארען אונטער דער פיהרערשאפט פון בריגאדיר גענעראל קעסנער, מאכענדיג א פארשלאג אז אנשטאט „די" אידישע שפראך זאל שטעהן בפירוש „א"־אידישע שפראך.

גענעראל פעלד־מארשאל פאן־בראמבערג האט גלייך דערשמעקט די געפאהר און האט פעראָרדענט די ערשטע רייהען פון דער ארטילעריע צו עפענען פייער.

די „גאנערס" קאמאי, שמערלער, האבען זיך אין דער שלאכט אויסגעצייכענט זיי האבען גענוצט די בעריהמטע נייע האוויצערס פון דער פרין שול פאבריק. קאמפעטיציע, קאנסומאציע, אינטערפרעטאציע, קאפיטולאציע און נאציאנאליזאציע.

פון אכט ביז איינס נאך האלבע נאכט איז די שלאכט געווען שטארק און היים, די הארמאטען האבען געקראכט און דער סילינג איז געווען רויט פון היץ.

צו ביסלעך האט זיך אבער די לופט אבגערייניגט, בריגאדיר גענעראל קעסנער מיט זיין דיוויזיע זיינען מיעד געווארען און דא האט גענעראל פעלד מארשאל פאן־בראמבערג מיט א א נייען סקאדראן אויסגענוצט די געלעגענהייט און האט ארייגנעווארפען דעם לעצטען אמענדמענט, די שלאכט איז געווען צו ענדע די „אניקעס" האבען געמוזט אבטרעטען איבערלאזענדיג פאר די „דיניקעס" א היבשע ביסעל אמוניציע און פראוויאנט, האלב אבגעברענטע סיגארעטס און פאפירלאך פון טשואינג גאם.

גענעראל פעלד מארשאל פאן בראמבערג האט גלייך געשיקט א טעלעגראמע צו דער הויפט קווארטיר, אז די „די" פאזיציע איז שוין אויסער געפאהר.

בריגאדיר גענעראל קעסנער האט אויך אבגעשיקט א טעלעגראמע צו דער הויפט קווארטיר אין וועלכער ער מעלדעט אז די "די" פאזיציע איז שוין באלד אין די הענד פון די אניקעס.

מיליטערישע אויטאריטעטען זיינען אבער מיטדער מיינונג אז צו דער ענדגילטיגער שלאכט איז עס נאך ניט געקומען.

דער הויפט מיליטערישער סטראטעגיקער און מלחמה קריטיקער גענעראל מאיאר מאטענקא האט היינט אין א האלב אפיציעלען סטייטמענט ערקלעהרט אז קיין ענדליכער זיעג קען ניט געמאלט זיין סיידען אז דער גאנצער גענעראל שטאב וועלכער איז נאך זיין מיינונג מצד די "דיניקעס" פערפוילט דורך און דורך זאל ארונטערגעזעצט ווערען און דאן ערשט וועט מעגליך זיין אז ער אליין זאל איבער נעהמען די קאמאנדע איבערן גאנצען פראנט.

אייער קארעספאנדענט איז דערווייל אויסער געפאהר ער האט זיך ארויפגעכאפט אויף די קרי ארדט און האט זיך בעפעסטיגט אין א טרענטש, קיין קויל קען איהם ניט טרעפען.

מען ריכט זיך אבער דא אין גיכען אויף א נייער שלאכט.

## א פורימדיגע שרפה אין דזשאנקשאן

דזשאנקשאן, אסתר תענית ביי נאכט

(דורך א לופט שיף)

ביי אונזער גרעסטען בעל הבית איז געשעהן א שרפה, דער המן טאש האט זיך אנגעכאפט פון איין שפיז און זיך צופלאקערט איבער'ן גאנצען בעקען. אין הויז איז קיינער ניט געווען, אלע זענען געגאנגען אויף א בעזוך צו אסתר המלכה.

פייער לייטע מיט שנאפס זענען גערופען געווארען, עס איז שוין אבער געווען צו שפעט, ביז זיי האבען ארויסגעשטעלט זייערע פלעשלאך, איז געווארען פראהיבישאן.

די המן טאשען זענען ניט געווען אינשורט.

## האמילטאנער אידען ווילען א סיוויק האלידעי

(ספעציעל צום קוילעטש דורכ'ן טעלעפאן)

האמילטאן. — אסתר תענית.

די האמילטאנער אידען לאזען אונז וויסען דורך זייער ספעציעלען קריעגס אגענט י. ל. שעכטער, דאס די דארטיגע אידען זענען אזוי בעגייסטערט פון זייער באזאר וועלכען זיי האבען אראנדזשירט צום גונסטען די מלחמה קרבנות, דאס א בעשלוס איז אנגענומען געווארען פאר קריאת התורה, אז א דעלעגאציע זאל זיך ווענדען צום סיטי מעיאר, ער זאל פראקלאמירען דעם טאג פון באזארע ערע עפענונג, אלס א „סיוויק האלידעי".

דער סיטי קאונסיל האט הערענדיג די קלאנגען גלייך צוזאמענגערופען א ספעציעל זיצונג־וועלכע וועט געהאלטען ווערען פון פורים ביז שושן פורים.

## שלח מנות

פאנאנדער געטראגען צו יעדען איינעם א היים אויף טעלערלאך
פון שארלאטען שמש

ניט קוקענדיג אויפ'ן גוואלדיגען יקרות אויף לעבענס מיטעל, וואס מעהל קאסט אזוי טהייער קארטאפעל איז ניט בנמצא, צוקער מיט גאלד גלייך, ציבעלעס קאנקורירען מיט דימאנטען, און א.ו. האבען מיר דאך צוגעגרייט א בעל הבית'טישען שלח מנות, פון די ריינסטע שפייזען איהר זאלט זיך חלילה דעם מאגען ניט פארדארבען, ווייל אויך „אשר יצר" טאבלעטס זענען זעהר הויך געשטיגען.

נעהמט זשע אונזער שלחמנות און זאל אייך וואויל באקומען.

):(

דער אידישער קאנגרעס באוועגונג און דעם פאלקס פארבאנד. — א פלעשעלע חלשות טראפען פונ'ם בעסטען סארט, און עטליכע פורימדיגע גראגערס און קלאקאטקעס אויפצוועקען די דעלעגאטען.

דעם ועד הכשרות. — דעם 30 טויזענד דאלאר פאנד פון דער פעדעראציע פון אידישע צדקה אנשטאלטען......

דער צדקה פעדעראציע. — עטליכע אידען וועלכע זאלען גלויבען אז וואס די צייטוויליגע באארד אף טראסטיס זאגט איז קדש־קדשים, און זיי זאלען ווערען מעמבערס.

די טשעקס פון די רייכע סובסקרייבערס, און א פאטענט ווי אזוי אריינצוכאפען די איינגלאך און מיידלאך פון פאלקס פעראיין.

דער צדקה כללית. — א פאסטקע צו כאפען מייז....

דעם פאלקס פעראיין. — א משגיח איבער פריה ורביה. און אן ארגאנייזער געגען געבורט קאנטראל.

דעם מושב זקנים. — דעם פרעזידענט, א ווייסע העמיד מיט א קאלנער וועלכע טהוט זיך אליין אן און פארשפיעליעט זיך.

דעם סעקרעטער א ורדקי מלמד, און דעם ארגאנייזער עטליכע זקנות....

דעם ציון קאנסול. — א פרעזידענט....

דער נאציאנאלער ראדיקאלער שול. — א יידיש נאציאנאלען געראק מיט דעם פאלאניק פון די פליודערען אויף די באהויזענטע מענשען פון בראמפערגוס, ריינוויניקים, שמערלערנענקאס, מאטענקאסאטא און קאמפאניקוס.

חסד של אמת. — וואסער און דאס היסטארישע המנ'ס שעפעלע........

ב. סטאן. — א ברכה פון רבי פרייס אז דער "זיווג איז מן השמים", און א קונה אויף זיין שניידער פעקטארי, ווייל ער געהט אריין אין [illegible] פענטס ביזנעס.....

ב. קיפער. — נאך אן אייהעם אויף קעבע.

ע. שייער. — א האמער צו דער קומענדער יאהרליכער פערזאמלונג פון דער פעדעראציע ווען די שנארער וועלען דארפען ערוועהלען א פרעזידענט.

ה. דווארקין. — א שטעלע אלס משגיח איבער אלע כשרה מקוואות לבנות ישראל.

ב. דווארקין. — א קאסטיום פון א ים טויכער, ער זאל קענען איבערצעלען אלע שיפען וועלכע די דייטשע סובמארינס האבען ביז היינט געזונקען.

מ. גאלדסטיק. — ב. סטאנס מזל....

דעם „קענעדער אדלער". — א „לארד" (דעם „סער" האט ער שוין אויסגעמאלקען.)

):(

לאיער ם. פעקטאר. — מיסס דווארעצקי'ס 25,000 דאלאר [illegible] האט געוואלט באקומען פון בירענבוימען

דר. מ. שווארץ, פרעזידענט פון פראפעשיאנאל קלוב.

די גאווערמענט הויז אויף ספעדיינא ראוד פאר דער אידישער דיספענסערי, א פרייען טיקעט אין קונ־על־אמארא, עטליכע יונגע מיידלאך מיט אלטע ציין.... און מאמאליגע מיט ברינזע.....

ד. באכראך'ס. — א דיענסט מיידעל....

דר. ברעסלין און דר. סאלאוויץ — א רעאליסטיש בילד פון שטיינמאנס מצבה יארד......

לאיער דזשאזעף סינגער. — א קענעדער אמבאסאדאר שטעלע אין קוט על־אמארא.

לאיער, א. קאהן. — א סובמארין, א וויקטאריע קרייץ, א געארגאוסקי קרייץ, און א מעדאל פון 100 פונט ציבעלע מיט צוויי זעקלאך קארטאפעל פאר זיין העלדישקייט אויפ'ן שלאכטפעלד פון דער צדקה פעדעראציע.

לאיער בירענבוים. — א מיידעל וועלכע זאל זיך ניט ארומטראגען מיט קיין ברוטש אף פראמיס קיים, און זאל ניט וואהנען אין אזא שלעכטער הויז וואו מען קען א נאכט ניט איבערשלאפען.......

מיס דווארעצקי. — נאך א יונגען לאיער ביי וועמען צו קריגען 5000 דאלאר, און כוחות גענוג פאר'ן קומענדען יאהרהונדערט אויפצומאהנען דאס געוואונענע געלד.

דר. מ. פאלאק. — מאדאם פאלאקס אן אריע פון „א אידא" פאר אנבייסען מיטאג און וועטשערע......

דר. פאומאן. — דעם שווערס בייטעל אבער אן אפענעם......

דר. ווינקלער. — א פאר פאציענטען....

הרב. יעקב גארדאן. — אן אויסצוג פון זיינעם א ווייבערישען הספד.

זממה שדה ותקחהו: זי האט זיך פארטראכט אין ריעל עסטייט און האט רעפאזיט איהר אפער.

מפרי כפיה נטעה כרם: פון די עקשאנס פון איהרע הענט האט זי געפלענט א וויין גארדען.

רבות בנות עשה חיל: פיעלע אידישע דאטערס האבען געמאכט גוטע ביזנעס אבער ואת עלית על כלנה: און דו האסט זיי אלעמען געביט אין פיסעס.......

הרב ראזענבערג. — א הוידעלקע....

הרב וויינריב. — א יאהר צייט ליכט, נאך פראנץ יאזעף'ן.....

הרב ליוואי'ן. — אלע דריי רבנים געבונדערהייד

א. ריינזוויין. — דעם פרעזידענט שטוהל פונ'ם קענעדער אידישען קאנגרעס

ש. מ. שאפירא. — גרעפין אלגאס קארסעט, און סאניטשקאס עהרע.

ה. מ. קירשענבוים. — עטליכע טהעמאס פאר ווייבערשע עדיטאריעלס אויף דער ענגלישער פיידוש און „טאגעבלאט."

ה. שמערלער. — א געלעגענהייט צו זעהן אמאהל זיין נאמען געדרוקט אין "זשורנאל".

אחזבל. — אפטערע בעזוכען פון דער מוזע.

ב. נאטאהנזאן. — „לא המדרש עקר, ניט דער ספיטש איז די מיין טהינג אלא המעשה, זאנדערן די עקשאנס.

ל. ראזענבערג. — א גראם צו "מיין ווייבעל".

שלמה האלפערן. — א האלבען טוץ געליעבטע.

א. ב. בענעט. — א מויד מיט א באמבע....

מ. געלמאן. — סימפסאנס פאפולאריטעט, זשיטלאווסקיס וויסען, סירקינ'ס שכל, קריטשמאר איזראעלים הענר, דע סאלאס געלד. און פיטש'ס העזה.

חבר. י. הערמאן. — א פראפעסאר שטעלע אין טאראנטאר אוניווערזיטעט.

ש. עלשטיין. — אן ארגאנייזער שטעלע. ביי דער אינטערנעישאנאל פון דער נעווער וואירקינג אסאסיאיישאן.....

ש. קאלדאווסקין. — יאמפאלסקים משוגעת, שור'ס גדלות, זיגמאנס מארד טרייל און ב. שלעזינגער'ס הויזען.

י. יאמפאלסקי. — המנס אלמנה... (שוין צייט).

ל. גוראפסקי. — א שטעלע אין סער סעם יוהז'ס שטאב.

דעם זשורנאלס בוכהאלטערין. — פערשטאנד, אז „פעידע" מעג מען געבען וועניגסטענס צוויי מאהל א וואך.

דעם זשורנאלס טייפרייטערין. — א אידישע פעדער, און א לשון קודש־דיגען ספעלינג בוך, אין בילדלאך.

חזן וולאדאווסקין. — א נאדעל פאדים און צוויי יארד סאמעט, ער זאל זיך נייען א גרויסע בייטעל צו האלטען דאס געלד וועלכע איהם קומט פון דער גואל צדק שוהל.

אלדערמאן זינגער. — א שטערצעל צום פאר א יאהריגען טעפעל . . .

## א פורים שפיעל

צוזאמענגעשטעלט צווישען די טהעאטער ווענד, אויף איין ברעטעל — ביים ליריק טהעאטער, צוגעפאשט צום מעסעי האל, דורך'ן דראטלאזען טעלעגראף. אויפגעפיהרט דורך דער נייער סטאר קאמפאניע, בעשריבען און רעצענזירט פון פורימדיגען רעפארטער.

### יעקעלע, הערשעלע, מייעראלע, יונה'לע

(ערשטער אקט)

עס הויבט זיך אויף דער לייכאך, און עס ווייזט זיך ווי זי ערשיינט דורך דער הינטער טהיר אין טיעפען אבגרונד פון רעכטס, און ער אין ווייסע הענטשקעס, רייטע אויגען, א ציגאר אין מויל פון לינקס. ער ווערט דערשראקען. זי דאס זעלבע, ער מאכט א טריט נעהענטער. זי נאך.

ער: אך מיין גאט מענש, דומהייט און טייפעל.

(זי שפרינגט אב).

ער רוקט זיך נעהענטער גיט א קוק אויף איהר זי רוקט זיך נעהענטער גיט א קוק אויף איהם, זיין אויג בעהעפט זיך צו איהרען, די ליעבע פאנגט זיך אן. מוזיק פון פידעל שפיעלער און טראמפייט. שנעל ווי א בליץ און א טראסק פון דער קעסעל פויק האפקעט די ליעבע אריבער, דרינגט אריין טיעף אין די צעלען. דערגרייכט ביז צו דער העכסטער גאלערי אויפ'ן דריטען שטאק, וואו אלע זיינען צוזאמענגעקוועטשט ווי א פעסעל הערינג. די באקען צובליהען זיך ווי א קארשען גארטען פסח צייט. זיסע האניג ווערטער פאלען ווי קיילעכדיגע ארבעס ביי א שלום זכר. זיי פאלען זיך אויף די העלזער, בעפעסטיגען זיך ווי א דייטשע פאזיציע, און דער עולם גולם ווערט הייזעריג פון שרייען בראווא, בראווא, מרדכי אסתר.

ביז — ביז — עס קומט דאס אינגעל און שרייט איז קריעם סאדא, פינף סענט.

(פארהאנג פאלט)

(2טער אקט)

קירכען גלאקען אין שווארצען פערהילט מיט געל וואקסענע ליכט וואס זיינגען אוים געגאנגען יום כפור צו כל נדרי פאר היוז, זעהען זיך פון דער ווייטענס, א שעהן זינגענדע נאכטיגאל שטימע פון חדר אינגלאך און זויגענדע מיידלאך. ביי וועמען די ברוסט־מילך טריפט פון די ליפען גרילצען אין די אויערען. דאס פערליעבטע פאארעל זיצט אין א זומער פלאץ, האלטען ביים בארדען זיך, די אויגען גלאנצען ווי פוטער אויף דער זון פון ליעבע און גליק, פערגעסען אלעם ארום זיך, די קאסע, די בילעטען, דאס פובליקום, דער אטהעם ווערט פערכאפט פון דער הייסער ליעבע ווי א המן טאש, און פאר אלעמען אין די אויגען געניסען זיי פון דער ליעבע ביז משה'ן הויבט אן קיצלען אונטער דער פאכווע, און נעהמט שיילען די ארענדזשעס און קנאקען פינאטס.

(דער פארטוך לאזט זיך ארונטער)

(3טער אקט)

אזוי שנעל ווי זי דערוויסט זיך וואס ער האט געטהאן ווערט זי פערוואנדעלט אין א שלאנג. שילט און זידלעט די רייכע וועלט מיט איהרע פערגעניגענס, כאפט אויף זיך אן אויבערמאנטעל, און לויפט צו איהם. ביי דער טיהר טרעפען זיי זיך ביידע. ער געהט צו איהר. זי געהט צו איהם. בלייבען ביידע שטעהן פערשטעלט די אויגען. דער טרומפייט העלפט זיי וויינען. ער פאלט אויף די פיס, זאגט ודוי אין א לאנגען מאנאלאג ערקלעהרט ער איהר, אז די וועלט איז א זינדיגע, א בראנד מלחמה בושוועט אויף יענער זייט ים, ווי יונגע מענשען שיסען מיט פייער, און האוויצערס. זי פערוואוואפט מיט'ן קאפ צו חלש'ען, קומט איהר צו הילף איהר פריינדין מיט פראכט און גלאנץ און עלעקטרישע עפעקטען, אונשולדיג ווי א יונג קעצעלע דערזעהט זי די סצענע, ווערט א גוואלד דאקטאר דאקטאר! ביידע פערשווינדען אין הינטער גרונד ביז האלב עלף נאך אזייגער ווען דער עולם וויל געהן שלאפען.

(4טער אקט)

ווען דאס לייכעך בעווייזט זיך אין דער הויף אהן הענד אהן פיס, וואס פערשטעלט הינטער זיך אלע מאהל אין כאבע מיטען שפיעל דאס אינטערעסאנטסטע, זיצען שוין אלע מיט אויסגעווייגטע אויגען ווי אויף שפילקעס, יעדער זוכט זיין העט, אדער קאפאטע, מען ווארט נאר צו זעהען א רעוואלווער אדער א פלעשעלע אויף וועלכען עס שטעהט אויפגעשריבען גיפט. אלע ווייסען אז ער האט פערדיענט דעם טויט, דער הוליגאן, א קאלטע קויל איהם אין די לונגען אריין, ווי צו לחכעים, נעהמט זי און הענגט זיך מיט א רויט זאקען בענדעל. עס ווערט א מהומה, טהיר און טויער עפענען זיך. די נייע געליעבטע בעוויזען זיך און די נאכט קליידער געשטערט פון זיסען שלאף, מוזיק שפיעלט "גאד סייוו די קינג" און אלע געהען צו די זייגערס־אנשטעלען זיי אויף א קווארטער צו זיבען, און בעוויינען די פאאר גראשען וואס מען האט ביי זיי אויסגענארט.

א מצוה אויף די יאלדען.

## בריעף קאסטען

שטענדיגער לעזער. — ווי היסטאריקער ווילען האבען איז ושתים הארן געוועזען פונקט ווי פון א ווייזעלטהיער.

דעם קוילעטש פאטריאט. — יא, איהר מעגט דעם קוילעטש עסען אהן א שהחינו.

האצקעל. — אז איהר זייט מסכים צום קאנגרעס, מוזען מיר דאך שוין אויך מסכים זיין.

יונגער ענטוזיאסט. — יא, די הייליגסטע פארטיי ביי אידען זענען היינט די פעי צאדיקס, והראיה זייערע ראשי תיבות: פ — פראסטע, צ — צדיקים.

א פריינד. — אויב איהר האט ווי איהר זאגט א יבמה פאר'ן יב'ם, קענט איהר זי צושיקען.

מענדעל טעלעבענדער. — אויב עס איז ווי איהר זאגט, דאן טהוט אייער ווייב צוליעב. און שיקט דעם בארדער שלח מנות.

עס וועלען ניט געדרוקט ווערען, מרדכי היהודי מיט'ן צילינדער, דער געפלאכטענער המן־טאש, חנה שיקט שלח מנות, א גוטען פורים אלע, האט געקרעהט ביי דער מגלה, און דער גאלדענער גרענער.

## קאפיטלאך פון דער מגילה

שלח מנות — אז מען שלח'ט ניט, מאהן עס.

תענית אסתר — אין תענית עסט ער (ווער? — ווער ניט?)

„בערב היא באה ובבוקר היא שבה": אין אבענד איז זי (אסתר) געקומען (צו אחשורוש'ן) און אין דער פריה האט זי זיך צוריקגעקעהרט.

און אויף איהר וואגט עס די גמרא צו זאגען, אז זי איז געווען א גרינע!

ניין רבותי אסתר איז שוין גאר ניט געווען קיין גרינע, ווי עס שטעהט ממש אין דער מגילה גופא: אין אסתר מגדת את מולדתה — זי האט דעם קעניג בשום אופן ניט געוואלט אויסזאגען איהר געבורטסשטאדט.

„המולך מהודו ועד כוש": ער האט געקעניגט פון הודו ביז כוש.

ווען עס קומט צום קוש, ענדיגט זיך אונזער רעגיערונג און עס פאנגט זיך אן איהר רעגירונג.

„ליהיות כל איש שורר בביתו": יע דער מאן זאל זיין א האר אין זיין הויז.

דער זעצער פון דער ערשטער מגילה האט געמוזט על פי טעות צושטעלען אן איבעריגען רייש אין שורר..

„והמן נופל על המטה אשר אסתר עליה": המן איז ארויפגעפאלען אויפ'ן בעט וואו אסתר איז געווען.

איהר קענט איהם ניט פערדענקען דעם רשע: ווער וויל עס ניט א מיתה בנשיקה, אנשטאט א מיתה בתליה?

„ורבים מעמי הארץ מתיהדים" אט דיעזען וויסטען צופאל האבען מיר צו פערדאנקען, וואס אונזערע „יאהודים" זענען עמי־הארצים.

# דער פורים קוילעטש

## צווישען יוניאנס, סאסייעטיס, שוהלען תלמוד תורות, ארגאניזאציעס און פעראיינע

ספּעציעל בעריכטעט צום פורים קוילעטש פון איהר אייגענעם

**יונה דער פורימדיגער**

ביים לאָקאל 3, ס. ד. פּ. איז אויך א [illegible] פון דעם יאנג סאָשעליסט קלוב אונטערשטיצט ביים יוגענד ארבייטער קלוב בעשלאָסען געוואָרען צו פּראָטעסטירען געגען דער מערדערישער האנדלונג פון אחשורוש'עס בעפעהל, פון הענגען א טאַטען מיט צעהן זיהן אלע יאהר אין חודש אדר. טויט שטראף מוז אָבגעשאפט ווערען. אויב עס האָט אמאָל פּאסירט אזא בארבארישער מנהג, מוז דער סאָציאליזם איהם בעקעמפען. זיי האָבען איינגעלאַדען גענאָסע סימסאָן, צו האַלטען א ספּעציעלען לעקטשור וועגען דעם.

ביים הילפס קאָנפערענץ האָט דער סעקרעטער מר. לייזער פאַרגעשלאָגען אז המנס פרוי און איהרע צעהן שנורען, צוזאַמען מיט די געבליבענע יתומים, אפילו די גרויסע טאכטער וואָס האָט מכבד געווען דעם טאַטען מיט... זיינען ניט קיין מלחמה קרבנות, און מען דאַרף זיי ניט העלפען. גענאָסע א. ב. ג. האָט אונטערשטיצט עס צו פערהאַנדלען ביים אידישען קאָנגרעס, דאָס זעלבע האָבען געענטפערט די ליידיס סאָסייטי, אז זיי האָבען זיי אונטערזוכט און אויסגעפונען אז זיי זיינען ניט קראַנק צו געהן ארבייטען ביי אמוניציאָן, וואָס עפּעס זייא שטיצען מאַכען אזעלכע געזונדטע פרויען פאַר שנאָרערקעס.

דער פאָלקס פעראיין האָט געשיקט א קאָמיטע צו זעהען אז זיי זאָלען גלייכער חתונה האָבען וועלען זיי האָבען וואו צו מאַכען א פּאָאַר דאָלאַר, זאָל זיין פון א קאַזאַק אבי צום לעבען.

די גרויסע פועלי ציון האָבען געהייסען די קליינע פועלי ציון אויסדריקען א פּראָטעסט צום פעדעראציאָן קאָמיטעט פון פערבאַנד וואָס זיי האָבען דערלאָזט צו אזא טעות אין דער מגלה, ווי „ישנו עם אחד" אין דער צייט ווען פאַלעסטינא איז נאָך געוועזען בעזעצט מיט טערקען. אויב זאָגען זיי יא שרייבען האָט געדאַרפט שטעהן „שנו פועלי ציון אחד" גרויסע און קליינע וואָס זיינען צוזאַמען ווי איין בינטעל שטרוי, וועלכע ארבייטען מיט אַלע כחות, צו בעפרייען די אידען פון גלות און זיי פיהרען קיין ארץ ישראל פאַר ביאת המשיח:

אין די שוהלען איז הייס און קאַלט דעבאַטירט געוואָרען וואָס צו טהאָן מיט די חזנים וועלכע ווילען עסען פאַרן דאַווענען.

א פאָרשלאַג געמאַכט און אונטערשטיצט אז יעדע שוהל זאָל בעפרייען איהרע דענטיסטען פון דיוס אויב זיי וועלען זיך פערפליכטען ארויס צורייסען ביי די חזנים די ציינער. דער פאָרשלאַג איז ארויין אין קראַפט גלייך ווי די חזנים האָבען געפּראָבירט עפענען די מיילער, יעצט זאָגט מען איז דאָרט א מחיה צו הערען די חזנים.

אין די תלמוד תורות זיינען געהאַלטען געוואָרען רעדעס פון די דאָרטיגע פּרינסיפּאַלס איבער דער בעדייטונג פון המן'ען און זיין הויכקייט אויף דער תליה. אין קורצע אבער לאַנגע פראַזען האָבען דיא רעדנער געזונגען איבער די צעהן זיהן. איבערהויפּט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אויף'ן „דלפון". איהם ארומגערעדט אין דער לענג, אין דער ברייט, זיי האָבען בעשלאָסען אז אלע תלמידים זאָלען ניט נאָכזאָגען קיין אמן, ווען מען דערמאָהנט המנס נאָמען.

ביי דעם ערשטען יעהרליכען מיטינג פון דער צדקה פעדעראציע איז אָנגענומען געוואָרען א פּלאַן צו פערקויפען די צדקה כליות צוזאַמען מיט די ליידיגע באָטעלאַך און צוברעכענע טשערס פון דער אידישער פרייער דיספּענסערי, כדי צו פערפילען דעם דרייסיג טויזענד דאָלאַר פאַנד, וואָס מוז געדרוקט ווערען אין זשורנאַל. אן אמענדמענט איז געמאַכט געוואָרען זיך צו ווענדען צו נאָך עטליכע רייכע יהודים, זיי זאָלען צוזאָגען נאָך עטליכע טויזענד דאָלאַר. דער בעשלוס איז אָבגעשיקט געוואָרען צו דער חסד של אמת.

ביי א ליטעראַרישע דיסקוסיע פון דיא ציוניסטען אין 194 בעווערלי אין דער פרין שולע, האָט רבי גאָרדאָן דעבאַטירט איבער מזוזות. די סתם ציוניסטען האָבען געמאַכט א פאָרשלאַג אז דאָס זאָל זיין די ערשטע פראַגע ביים קאָנגרעס, צו מעג א איד וואָס זאָגט ניט שאַרף ת ת ז ז ז ז כ כ ב ב כ רו זיין א דעלעגאַט. דער פּרעזידענט פון די פּולישע יאָנגמענס האָט גלייך געבעטען ערלויבניש צו קויפען א סידור'ל און זיך אויסלערנען ווייל ער וויל שטאַרק לויפען. זיין בעסטער פריינד פּרעז פון ט. א. ב. האָט איהם געהייסען איינרייבען מיט נערווולין 25 סענט א טר על סייז באָטעל.

ביי דער טאָראָנטאָר אינדעפּענדענט בענעוואָלענט איז געמאַכט געוואָרען א פאָרשלאַג ארונטער צו זעצען דעם פּרעזידענט פון דעם בענקעל, ווייל ער רייבט די מאָרדע צופיעל. דער פּרעזידענט פון די מאַזירער האָט איהם אונטערשטיצט שווערענדיג ביי באָארד און פאָות אז ער איז אמת יעדען פרייטאָג פּוהלט ער דעם טעם ווען ער געהט דורך ענגעם שטראַסע די פריידע אף איזראַעל האָט זיך גלייך געכאַפּט אריינגעשיקט אן אָרדער צו דער פרין שולע אויף איהרע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען וואו יעדער איד מוז טראָגען א באָרד, יעצט זאָגען זיי זאָל ער פּראָבירען דער באַרבער.

### פורים דער ווייבער יום טוב

**פון ווייבערשען פערזאָרגער**

לעבען זאָל אסתר, וועלכע האָט געשאַפען דעם פורים. שרייט הורא.

„טרי טשירס" פאַר ושתי די ערשטע סאַפרעדזשעטקע וועלכע איז אזוי שטאָלץ צו דער תליה געגאַנגען, ניט פערלעצענדיג די מאָראַלישע געפיהלען פון דער פרוי פרוי פאַר ניט וועלען ווייזען איהר קרעציגען שטערען פאַר פרעמדע מענער.

פורים פאַר די ווייבער, הורא!

אמאָל אז די פרוי האָט עפּעס געוואָלט פון מאַן, האָט זי זיך אויסגעשלייערט אין איהרע שעהנסטע קליידער, זיך בעשפּריצט מיט די טייערסטע פּערפיומען, געמאַכט א פיינעם מאָהלצייט, איהם געגעבען צו עסען און טרינקען, געקושט און געהאַלזט, און נאָכהער אז כטוב לב המלך ביין, אז עס איז איהם געוואָרען גוט אויף'ן הארצען האָט ער זי געפרעגט, וואָס ווילסטו קעצעלע, ציז א האַלב פערמעגען . . .

היינטיגע פרויען טהוען קאַפּויר, ווען זיי פערלאַנגען עפּעס.

צו ערשט ערקלעהרען זיי א תענית. הערען אויף צו עסען, צו קאָכען עסען. רייסען זיך די האָאר פון קאָפּ, צורייסען די אַלטע ווייסטלאַך, בעקומען היסטערישע עפּילעפּטישע און זידלען זיך, סטראַשען צו אנטלויפען מיט'ן באָרדער ביז זיי דעם מאַן. ער גיט נאָך דערלאַנגט די מטבע. אזוי ווערט פורים אויף איין טאָג, אבער צוזאַמענגענם דערזעהען זיי אן אנדער נייעס און עס הייבט זיך אן די זעלבע געשיכטע.

„און אסתר מגדת", אסתר איז ניט געווען קיין מגידיצע נאָר א רביצין ווייל זי האָט געוואָהנט מיט איהר מאַן אָהן א כתובה?

מאָראַליש איז ושתי געשטאַנען העכער ווי אלע אונזערע היינטיגע דאַמען, וועלכע זיינען ניט נאָר גרייט אויסצוהערען דעם מלך'ס בעפעהל צו ווייזען זייער שעהנהייט, נאָר טהון עס אויף דער בעפעהל, יעדען זומער און ווינטער פון דער נאַרישער מאָדע.

ושתי האָט ניט געוואָלט ווייזען איהר שעהנקייט צום שיכור'ן אחשורוש, זיא וואָלט עס אָבער זיכער געווען געטהאָן ווען דאָס פערלאַנגט ער פון איהר ניט אין א שכור'ן צושטאַנד. די ערקלעהרונג וואָס וואָלט דעריבער געמאַכט וואָלט פאָלגענדע געווען.

„מיין זיידע איז געווען א גרעסערער שיכור, און האָט קיינמאָל אזעלכעס ניט געפאָדערט נאָר גלייך געטהאָן, האָב דעריבער שכל און זיי זיך מטריח.

אויב פורים איז א יום טוב דערפאַר ווייל די גרינגע אסתר האָט געפועלט ביי איהר מאַן אַלעס וואָס זי האָט געבעטען, זאָגען די מענער מוחל אזעלכע גרינגע, מיט אזעלכע פורימס.

ווען מען זאָל מאַכען מגילות דערפאַר ווייל פרויען ווילען ניט פאָלגען די מענער

### א פורים ליעד

(פאָלקס ליעד)

גוט יום אורען, מזל טוב
א שמחה, א נחמה!
מיר האָבען היינט אין המן'ען
דערזעהען א נקמה.

געקריצט פאַר עס מיט די ציינער
האָט זרש די מערשעת
א סוף געהאַט א ביטערען
געלאָפעט זיך פאַר כעס.

אונזער אסתר איז אין פּערל, אַנגלד
אין פּאַלאַץ זיך געזעסען
פלוימען, פיש און ראָזינקעס
מאָן מיט ניס געגעסען.

און מרדכי, מרדכי, גאַטעניו,
א גענעראַל געוואָרען
אין אחשורוש'עס מונדיר
רייטענדיג געפאָהרען.

### דעם קוילעטשעס פרייזען

דער „פורים קוילעטש" האָט בעשלאָסען צו צוטהיילען דריי המן-טאַשען פיר אמתען מאָהן, ניט קוקענדיג אויף עם, וואָס עס קאָסט אכציג סענט א פונט. צו די וועלכע וועלען צושיקען די בעסטע ענטפערס אויף פאָלגענדע דריי פראַגען.

1) וועלכע זענען געוועזען די 127 מדינות, איבער וועלכע אחשורוש האָט געקעניגט.

2) ווארום האָט מען זיך אנגעטשעפּעט צו ויזתא'ן מעהר ווי צו אלע אנדערע, און אידישע הומאָריסטען מאַכען פון איהם א תל א גאַנץ קיילעכדיג יאָהר.

3) צו איז דאָס בעטיל אויף וועלכעם המן איז ארויפגעפאַלען געווען א „סינגעל" אדער א „דאַבעל".

די ענטפערס קענען געשיקט ווערען ביז אסתר תענית תרע"ח.

### א טרויער רעזאלוציע

מיר די פערזאַמעלטע געקומען ספּעציעל צום מיטינג אין מאָסעי האַל ערב פורים ביינאַכט. דריקען אויס אונזער טיעפסטען טרויער אויף אונזערע געפאַלענע קאַמעראַדען בגתן ותרש, וועלכע זיינען ווי העלדען אומגעקומען פאַר אונזער זאַך.

און אין דער זעלבער צייט פערדאַמען מיר דעם אלט-צייטיגען אזעוו, דאָס הייסט מרדכי דעם שפּיאָן צוליעב וועמענס סבה אונזערע צוויי קאַמעראַדען זענען אומגעבראַכט געוואָרען אויף דער תליה.

זיי עס דעריבער בעשלאָסען אז מען זאָל זיין נאָמען ארויסנעהמען פון דער פערדאַמטער מגלה.

ניעדער מיט מרדכי היהודי.

עס לעבע די פרייע געזעלשאַפט. עס לעבע די אנאַרכיסטיש קאָמוניסטישע בגתן ותרש'דיגער גרופּע פרייע געזעלשאַפט.

א. שפּיוזער
מ. דעסער,
פרעס קאָמיטע.

האַלט דער יקרות אויף פּאַפּיער געוועזען גרעסער ווי דער יקרות אויף ציבעלעס.

אחשורוש מלך טפש האָהי, אחשורוש איז געווען א נאַרישער מלך, ווייל וועלכער חכם האָט הערט זיך איבערהויפּט צו צו א גרינער אידענע?

אמאָליגע אסתר'ס האָבען געבעטען זייער מאַן צו דער סעודה וואָס זיי האָבען געמאַכט, צו עסען און טרינקען, היינטיגע אבער בעטען די מענער זיי זאָלען אויפהערען עסען און טרינקען, פאַר דעם געלד זאָלען זיי בעסער קויפען א סטיילישע קליידעל.

להיות כל איש שורר בביתו, יעדער מאַן זאָל זיין א הערשער אין זיין הויז, אזא בעפעהל האָט נאָר געקענט עקזיסטירען ווען קיין באָרדערס זיינען ניט געווען אין דער מאָדע.

### דעם לעזערס ווינקעל

די 10 כללים פון ווינקעל

1) איהר דאַרפט ניט קענען שרייבען קיין א. ב.
2) אויב איהר קענט ניט שרייבען מיט די הענד שרייבט מיט די פיס.
3) דער בריעף טאָר ניט זיין לענגער ווי 5 ארשין די ברייט און 3 אינטשעס לאַנג.
4) כאַפּט ניט, מען וועט עס אייך צו טראָגען.
5) שרייבט יא, שרייבט ניט, מיר פערשטעהען עס סיי ווי סיי ניט.
6) אויב איהר האָט שעהנע מיידלאַך, שיקט זיי אין מאָווינג פּיקטשורס.
7) שרייבט ניט אונטער אייער נאָמען ווי המן, זרש; בגתן ותרש. אזעלכע זיינען דאָ א סך.
8) שרייבט אלעס וואָס איהר ווייסט ניט צרות האַלט ביי אייך.
9) צוליעב דעם יקרות אויף פּאַפּיער, קענט איהר שרייבען אויף אייער מיסעס פאַרטוך.
10) דאָס וואָס איהר וועט זיך זעלבסט ניט העלפען, וועלען מיר אייך העלפען א מכה.

ווערטהער הערר רעדאַקטאָר!

גיט מיר אן עצה, מיין בינטעל צרות שיק איך צו אייך, נאָר איהר קענט מיך ראַטעווען פון די קאַפּיטאַליסטישע הענד, וועלכע פּייניגען מיך אָהן א שיעור. זעהט וואָס פאַר א קלאַג מיך האָט געכאַפּט.

ניט לאַנג האָט זיך מיר פערגלוסט אזוי וויכבין א יתומה, זיך אריבער צו כאַפּען צו מיין פעטער מאַטלען, וועלכער זאָל אויף מיר אכטונג געבען ער האָט מיך אָבער גרינגעהייט איבערגעגעבען אין שאַפּ צואַרבייטען, דאָרט זאָגט ער וועסטו דיך צו עפּעס דערשלאָגען, און פיליכט מיר ווען ברענגען א „פיידע".

ניט קוקענדיג וואָס מיין נאַרישער באָס האַלט מיר אין איין צו זינגען פון הודו ביז „קוש" בעלעסטיגט ער מיך מיט זיין ליעבע. ער נעהמט פּשוט איין די כאַיעריע. די נכפּה וואַרפט איהם ווען ער דערזעהעט מיך, איז אָבער די צרה וואָ א צרה שיק איך אייך ווערטהער רעדאַקטאָר, וואָס אויף זיין בוכהאַלטער, א גראָבער יונג מיט שוואַרץ געשווירענע וואָנסען האָט מיך ליעב בעקומען. „יאָך ליעבע איהנען גרינינקע אסתרקע" דאָס זיינען זיינע ווערטער. ער האָט זיך פערקריגט מיט מיין פעטער, און סטראַשעט צו מאַכען א פּאָגראָם אויף דעם אידישען געגענד מיך צו קידנעפּען אין מיטען דער נאַכט.

איך וואָלט איהם שוין אויך ליעב געהאַט, א ברירה האָב איך? האָט ער אָך א ווייב מיט צעהן שקצים, א קאַלטע אַלעריע זיי אין בויך און עטליכע שיקסעס וואָס אלע ווייסען, חוץ פון די וואָס ווען ווייסט ניט.

ער צאָהלט מיר ניט די ווידזשעס וויפיעל איך פערדין. ער האַלט אין איין מסר'ן דער המן, אלע טייטען מיר נאָך מיט די פינגער, אַט געהט די גרינע, אַט עסט די גרינע, אַט רעדט די גרינע, איך קען מעהר די עקספּלואַטאַציע ניט איבערהאַלטען.

אייער אומגליקליכע אסתר.

שולדיג אין דעם איז קאַפּיטאַל זעלבסט, יעדער מיט זעלבסטהערשאַפט, דער פינסטערער פאַנאַטיזם פון די אידען וואָס שפּרינגען קדוש, און געהען לאַנגע קאַפּאָטעס האָט שוין לאַנג געדאַרפט פערניכטעט ווערען, ווען די ברידער ארבייטער זאָלען מאַרשירען דעם 1-טען מאַי, דיא שפּיזיגע זונען שטראַהלען פון פריהלינג וועלכע שפּיגלען אָב דאָס ליכטיגע לעבען און די פינסטערע טירמעס פון פּעטראָגראַד וואָס האָבען נאָך אַלעס קיין צוטריט ניט צו די בלוט צאַפּענדיגע באָסעס. דער גרעסטער שטאַק איז דורך דעם פערבאָטען געוואָרען אין קענעדע, ווייל זיי האָבען געהאַלפען יונגע מיידלאַך אויסדרעזען זיך פון הערען די מגילה.

די מגילה איז א קאַפּיטאַליסטישע ערצעהלונג פון זויגענדיגען בלוט צאַפּער און ווינע מענעדזשערס. עס לעבע דער סאָציאַליזם און פרייע ליעבע, מעהר ניט ווי שפּייעט אויף דיין פעטער מאַטעל דעם יאָלד, האָסט א שעהנע פּלימעניצע האַלט זי בייזאַר דיר, א קראַנק וואָלט איך זי געשיקט צו א באָס און עקספּלואַטאַר, זיך טהיילען מיט'ן קאַפּיטאַל, געלד מוז אָבגעשאַפט ווערען קעמפּפט אין מאַסען, מיידלאַך דאַרפען זיין די ערשטע צו בינדען די באָסעס די הענד, בפרט גרינע מיט רויטע בעקעלאַך. גרינע טאָרען מעהר ניט אריינקומען אזוי זאָגט ש. גאָמפּערס ווייל זיי גיבען די באָסעס א טשאַנדזש, א כאָלעריע וואָלט איך איהם געגעבען ניט קיין קוש. לעבען זאָל דער פּאַקעל און פלאַטערען הויך זאָל דער רויטער פאָהן.

HIPPODROME
מאַטענייס 10 און 15 סענט.
אָווענדס 10, 15, 25 סענט.
פּאַרזעצענדע פאַרשטעלונג
די וואָך פון מאָנטאָג דעם 5-טען מערץ
אויסערגעוועהנליכע ארענזשמענטס
די מוזיקאַלישע טיר בים פון וואָרעוויל
וויקטאָרס מוזיקאַלישע מעלאָנס
16 טאַלאַנטירטע וואָקאַליסטען און אינסטרומענטאַליסטען 16
מעלאָדע מירא מוזיק
דזשאָנאַטהאַן "קאַרטון א לא קאַרטע"
די מאַנטע דוא, טאַלאַנטירטע זינגערס
ספּעשעל פּיטשור
זי האָט איהם געזוכט צו שטילשטאַנד (איטל.)
דאָס וואונדערבאַרע נייע מרייענגעל בילד
קיאָסטאַנס טאַלמאַנדזש
אין א שפּאַנענדער דראַמע פון דער נאָרטה
דאָס מיידעל פון די טימבער קליימס
דאָס איז אן אטהעם פערכאַפּענדע און שפּאַנענדע בילד, עס ווערט געוויזען
1.35; 4 און 7.40 נאָכמיטאָג
שוואַרץ און נעל קאָמיקער
מעיטלענד און מעק לופט קינסטלער
קיעסטאָן פילם קאָמעדיעס
ספּעציעלע עקסטראַ אטראַקשאָן
די סענזאַציאָנעלע יאַפּאַנעזישע ווינד פליהער
5 וואונדערבאַרע יאַפּאַנעזישע אטלעטען 5

וואָלונטירען און מיטגליעדער פון פּאַרקס פעראיין קומט שבת אָוונד נאָך אייערע דיסטריקטע צום פּסח-דיגע קאָלעקשאַן געדענקט אייער פליכט

איהר קענט יעדען טאָג באַקומען דעם „אידישען זשורנאל" אין די פאָלגענדע פּלעצער

דאַוואַרקין: 64 עליזאַבעטה סט. 145 סט. פּעטריק סטריט.
גודמאַן, קאָרנער טשעסנאַט און קווין סט.
פריידמאַן, קענזינגטאָן עוו.
הערמאַן, 167 סט. פּעטריק סטריט
יודקין, 465 קווין סט. וועסט.
מאָרים, 412 ספּעדינא עוו.
מאַרקאָוויטש, קאָרנער לואיזא און טעראַלי סטריט.
עטעגסאָן, 807 קווין סטריט וועסט.
ראַטהוועל, 50½ ארטהור סטריט.
ברינזא, 268 פּאַרלאַמענט סט.
קופּער, 103 בראַנזוויק עוו.
האָפמאַן, 339 ספּעדיינא עוו.
זאַקהיים, 71 דאַנוּ'עס סט.
סאַלינסקי, 299 מענינג עוו.
סטאָרס וועלכע ווילען פערקויפען דעם „אידישען זשורנאל" זאָלען זיך מעלדען אין אָפיס.

דיימאָנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך
איהר האָט יעצט די געלעגענהייט צו האָבען דעם פיינסטען דיימאָנד. אדער אַנדערע דזשועלרי דורך דאָס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאָב בראַדערס דיימאָנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאָל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.
מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זאָ דאָס איהר האָט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאָנדס מיט דיא לייכטעסטע אָבצאָהלונגען.
ספּעשעל דיסקאַונט 10 פּראָצענט פאַר קעש.
דזשייקאָב בראַדערס 13 יאָנג סט. ארקייד.

### מה נשתנה.

א געוויסער אידישער געלעהרטער האָט געזאָגט: „ביי אידען איז מען שוין איינגעוואוינט אז עס זאָל אין קיין זאַך קיין סדר (אָרדנונג) ניט זיין, אז ווי נאָר עס קומט פּסח און מען דערזעהט עפּעס פּאַרט א שטיקעל סדר . . פרעגט מען גלייך די פראַגע פון „מה נשתנה"?

## קלאָוק סקוירט און דרעסמייקערס אויפמערקזאם!

א ספּעשעל דזשענעראַל

**מעמבערס מיטינג**

וועט שטאַטפינדען

**דיעזען זונטאָג דעם 11-טען מערץ**

2.30 נ. מ. אין ליריק טהעאַטער

די פראַגע צום פערהאַנדלען איז:

## מאָנטרעאַל

א פולער רעפּאָרט פונ'ם סטרייק אין מאָנטרעאַל וועט אָפּגעגעבען ווערען פון

**עלמער ראָזענבערג**

ערשטער וויס - פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשיאָנעל און עס וועט אייך געניי ארומגערעדט ווערען דער אָנגאַנג און אויך די ענדע פון אונזער קעמפּיין דאָ אין טאָראָנטאָ.

מיט גרוס, דזשאָינט באָארד קלאָוק מייק. יוניאָן.

LOEW'S
לאָעוו'ס יאָנג סטריט טהעאַטער
פאָן 8600 — הייַ קלאַס וואָדעוויל. באָקססיטס רעזערווירט.
אונאונטערבראָכען; 12 מיטאָג ביז 11 נאָכמיטאָג
נאָכמיטאָג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10 סענט 15 סענט און 25 ס.
נעקסטע וואָך
הערי לעסטער און מייסאָן די וועיטערס
דער סעקסטעט פון די ניום באָיעם זינגט פּאָפּולערע ליעדער
„א קיים פאַר שערלאָק"
א קאָמעדיע דעטעקטיוו דראַמאַ וועלכע איז זעהר אן אינטערעסאַנטע דראַמאַ פון אַנהויב זעהר טראַגיש און ענדיגט זיך מיט א גרויסען פּאַרס אָבער אינטערעסאַנט
זעקס סערענאַדערס אין זינגען און אינסטרומענט שפּיעלען
לולו קאָוטס און איהר קרעקערס אפּעהיגער קוואַרטעט פון זינגער און טענצער
אדאַניס אפּאַלשטענדיגער אטלעט מיט זיין וואונדערבאַרען הונט
דזשין קאַפּריס אין א מאָדערנער סינדערעלא א פינף אקטיגע פאָטאָ דראַמאַ
די אקזייטיגע אונטערהאַלטער
דזשעק גאָלדי פיהרט אויף זיין רעוויו פון ליעדער און טענץ דייאַלאָגען און וויזהסטלען.

עמפּרעס טהעאַטער 317 יאָנג סטריט
דיעזער אדווערטייזמענט מיט 5 ר ענט קעש, בערעכטיגען אייך צו איינטריט מאַטינע און אָוונד.
מאָנטאָג, דינסטאָג און מיטוואָך מערץ 5-6-7 אויך קומענדע מאָנטאָג דינסטאָג און מיטוואָך מערץ 12-13-14
וואו עס וועט געשפּיעלט ווערען
די פרוי און דער קריעג
אין 5 אקטען מיט די בעסטע וועלט אקטיאָרען פונ'ם וועלט בערימטען דייוויד בעלאַסקאָ. דער ערשטער טהייל פון דער קעניגליכער געהיימניס אין 3 אקטען. ווי אויך א גוט לאַכענדיגע קאָמעדיע. אָנפאַנג יעדען טאָג פון 1 ביז 11 אָוונט.
פערליערט ניט דאָס געלעגענהייט צו זעהען דיעזע וואונדערבאַרע פאַרשטעלונגען פאַר אזא קליינעם פּרייז.

פּסח נייעס פאַר טאָראָנטאָר אידען
פאַרגעסט ניט אן אייערע נויטה און הונגער ליידענדע פאַמיליען, וועלכע געהען ארום נאַקעט און באָרוועס, און קוקען ארויס אויף אייער הילף זיך צו קענען אנצוגרייטען פאַרטיג צו מאַכען דעם פּסח.
עס איז זעהר א קורצע צייט צו יום טוב און יעצט האָט איהר די בעסטע געלעגענהייט צו העלפען אייערע ברידער און שוועסטער וועלכע זענען פון אייגענעם בלוט און פלייש, שיקענדיג זיי געלט אהיים דורך אונזער ספּעשעל טעלעגראַם סיסטעם. ווייל אז איהר וועט אן זיי פאַרגעסען ווער וועט זיך אן זיי דערמאָהנען? קומט אריין צו אונז אין אָפיס וואו איהר קענט קריגען א גיכע רעליעף. אייער געלט געהט אוועק דעם זעלבען טאָג וואָס איהר גיט עס איבער.
אויך סאָסייטיעס האָבען יעצט די בעסטע געלעגענהייט דורך אונזער אָפיס די געלט אהיים צו שיקען, ווייל איהר האָט געזעהען אין דעם זעלבען פייפּער די קאָפּיע רעסיעט דיפערענט סאָסייטיעס אז די געלדער דורך אונז געשיקט קומט גיך אן און זענען פון אונז גאַראַנטירט.
מיר שיקען די געלדער יעדען טאָג נאָך דעם לעצטען טאָגעס קורס
ל. ראָטענבערג און סאָנס
BANKERS
סטיעם שיפען און אינשורענס אגענטען
141 קווין סטריט וועסט
טעלעפאָן אדלייד 675